בס"ד

# יארצייטן פון צדיקים

# שבת פרשת בלק תשפ"ה

**פון י' תמוז – ביז ט"ז תמוז**

**לעילו נשמת אבי הרה"ח רבי משה אפרים**
**ב"ר ארי' ע"ה**
**ולעילו נשמת אמי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה**

**צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג ביטע שיקט א מעסעדטש צו דעם נומער 907-9119 (646)**

## זונטאג – י' תמוז

הרה"ק רבי שלמה ארי' לייב ב"ר זאב וואלף זי"ע, (ווינשלבוים), בעל הכנת לב לתפלה, מטיטשין.

## מאנטאג – י"א תמוז

הרה"ק המקובל האלקי רבי צבי הירש ב"ר יצחק אייזיק זי"ע, (אייכנשטיין), עטרת צבי, מזידיטשוב.
"הנקרא רבי הערשעלע זידיטשובער"

## דינסטאג – י"ב תמוז

הגה"ק רבינו יעקב בן רבינו אשר זי"ע, בעל הטורים, מגדולי חכמי ספרד בתקופת הראשונים.

## מיטוואך – י"ג תמוז

הרה"ק רבי מרדכי ב"ר יחיאל מיכל זי"ע, בעל פרשת גדולת מרדכי, המגיד מקרעמניץ.

## דאנערשטאג – י"ד תמוז

הגה"ק רבי חיים אברהם ב"ר מרדכי זי"ע, (ארענשטיין), בעל דברי אברהם, אב"ד טיסא-בוא, בארדיוב.

## פרייטאג – ט"ו תמוז

הרה"ק רבינו חיים בן עטר ב"ר משה זי"ע, בעל אור החיים הקדוש.

הרה"ק רבי אלעזר ב"ר אלימלך זי"ע, (ווייסבלום), בעל משנה למלך, מריישא.
"הנקרא רבי אלעזר ריישער"

## שבת קודש – ט"ז תמוז

הרה"ק רבי מנשה ב"ר ישכר בעריש זי"ע, (אייכנשטיין), בעל אלפי מנשה, מזידיטשוב, ווערעצקי.

לזכות להצלחה

חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

מאיר ברוך בן שרה בריינדל ליבא וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה.

לעילו נשמת אמי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה.

**יארצייט**
**זונטאג י׳ תמוז**

**הרה״ק רבי שלמה ארי׳ לייב ב״ר זאב וואלף זי״ע, (ווינשלבוים), בעל הכנת לב לתפלה, מטיטשין,**

ער איז געבוירן אין שטאט רישא, בשנת תר״ט,

צו זיין טאטע הרה״ק רבי זאב וואלף מרישא זי״ע, גבאי קופת רבי מאיר בעל הנס,
די טאטע פון רבי זאב וואלף זי״ע איז געווען א ברידער מיט הרה״ק רבי שלמה לייב מלענטשנא זי״ע, ביידע קינדער פונעם צדיק נסתר הרה״ק רבי ברוך זי״ע,

און צו זיין מאמע הצדקת מרת מירל ע״ה,

ער איז געווען א איש צדיק ותמים, און א איש קדוש וטהור מאוד, ער איז געווען א גאון וגדול בתורה און א בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר, דער צדיק האט עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער האט געלערנט שעות רצופות שטייענדיג אויף די פיס, און ער פלעגט זאגן אין נאמען פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי״ע, אז ווער עס לערנט נישט 6 שעה רצופות גמרא מיט תוספות יעדן טאג, האט נאך קיינמאל נישט טועם געווען דעם טעם פון אמת׳ע יראת שמים,

ער האט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים מיט א געוואלדיגע איבער געגעבענקייט און מסירת נפש, דער צדיק האט געהאט אן אהבת ישראל אמיתי עד אין לשער, ער האט יעדן איד ליב געהאט אהבת נפש, ער האט גאר אסאך עוסק געווען אין צדקה וחסד און געווען א גאר גרויסע בעל מכניס אורח, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ,

עס איז דא א בריוו וואס דער הייליגער שינאווער רב זי״ע האט געשיקט חיזוק פארן טאטן רבי זאב וואלף זי״ע, אויף די הייליגע ארבעט וואס ער איז עוסק פאר עניי ארץ ישראל, און ווען ער איז נפטר געווארן האט דער זוהן דער טיטשינער רב געשריבן אויף די מצבה די זעלבע ווערטער וואס מען האט געשריבן אויפן מצבה פונעם הייליגען קאליבער צדיק, ״אז ער איז געווען א ״ערליכער איד״,

מען דערציילט אויפן טאטן רבי זאב וואלף זי״ע, אז די נאכט פונעם וואכט נאכט פון זיין זון רבי שלמה לייב, האט טאטע נישט געקענט אפמאכען וועלכע נאמען צו געבן פארן קינד, אבער ווען ער איז איינגעשלאפן איז צו אים געקומען אין חלום דער פעטער הרה״ק רבי שלמה לייב מלענטשנא זי״ע, און געזאגט אז ער זאל דעם קינד א נאמען געבן נאך אים, און כך הוה דער טאטע האט דעם קינד א נאמען געגעבן שלמה לייב נאכן גרויסן פעטער פון לענטשנא,

דער טאטע פונעם רבין הרה״ק רבי זאב וואלף זי״ע איז געווען א גאר ערליכער איד א חסיד און תמים און א באהאלטענער איד, ער האט געפירט זיין לעבן מיט א באהאלטענקייט, און געצויגען זיין פרנסה פון א שענק, און זיי האבן ערצויגען זייער קינד מיט א תמימות און אמונה פשוטה אינעם גרויסן באשעפער,

דער זון רבי שלמה לייב זי״ע איז געווען א ערליך קינד, ער פלעגט שוין פון אלס גאר יונג קינד שטענדיג ארום גיין אין די פעלדער און זיינע ליפן פלעגן כסדר שעפשען תפילות צום באשעפער, אבער דאן האט נאך קיינער פון שטאט נישט געוויסט וואספארא הויכע נשמה דער קינד פארמאגט, און דערפאר האט קיינער נישט אין אכט גענומען און נישט געלייגט קיין גרויס געוויכט אויפן קינד,

ווען דער צדיק איז געקומען צו די יארן פאר א שידוך, האט אים גענומען א איד א חשובע סופר הרה״צ רבי חיים יודא גינצבערג זי״ע, וואס איז געווען מפורסם אלס א סופר מומחה און א גאר ערליכער, דער שווער פלעגט גיין אין מקו׳ יעדעס מאל ער האט געשריבן דעם שם אין תפילין און מזוזות,

דער שווער וואס האט געוויסט דעם גדלות בתורה און קדושה פונעם איידעם, האט דעם איידעם גענומען אויף קעסט ביי זיך אין שטוב, דער איידעם האט די צייט אויס גענוצט פאר תורה און עבודת השם, ער האט עוסק געווען יומם ולילה ממש מיט א געוואלדיגע התמדה,

דאס געוואלדיגע אהבת ישראל וואס דער צדיק האט געהאט איז נישט צום באשרייבן, הונדערטער אידן זענען געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק פאר ישועות און רפואות, און מען האט ממש געזען ווי צרות ישראל האט דעם צדיק צו געטרעטן צום געזונט, עס האט ממש אויסגעזען ווי מען שטעכט דעם צדיק מיט מעסערס ווען ער האט געהערט א צרה ביי א אנדערן איד,

כמה פעמים האט דער צדיק זיך אויסגעדריקט, אז ער וויל זיין די כפרה אנשטאט דעם איד, און פלעגט זאגן ״אין כוחי אלא בפה להתפלל בעדך, ואני כפרתך או כפרת בנך״,

זיין עבודת התפלה איז געווען מיט א מוראדיגע השתפכות הנפש, און פלעגט זיך אויסדריקן, ״רבש״ע איך קען נישט צוזעהן די אלע צרות ישראל״, איינמאל האט דער צדיק זיך אויסגעדריקט בזה״ל, ״פארברענט זאל מען ווערן אין גיהנום פאר גאט׳ס וועגען״, און האט בסדר מלמד זכות געווען אויף אידישע קינדער, ער האט כמה פעמים געזאגט לימודי זכות אויף אידישע קינדער בעטענדיג דעם באשעפער, אז ער זאל זיך מרחם זיין אויף זיינע קינדער,

איינמאל האט דער צדיק געזאגט בזה״ל, ״רבש״ע אויב דאווענען 9 אידן און עס פעלט א צענטער, קען נישט קיין איין גוי פון די וועלט משלים זיין דעם מנין, אבער אויב קומט א איד נישט קיין חילוק ווי הייליג ער איז, דאן ווערט א מנין, קומט דאך אויס, אז א איד נישט קיין חילוק ווי ער האלט אויף די וועלט קען משלים זיין א מנין, זעהט מען פון דעם ווי חשוב א איד איז ביי דיר הייליגער באשעפער, דארפסטו דאך זיי העלפן״,

אויך פלעגט ער נאכזאגן די ווערטער וואס דער בעש״ט הקדוש זי״ע האט געזאגט ווען ער האט געהערט ווי איינער זאגט צו שטארק מוסר פאר אידישע קינדער, האט דער בעש״ט הקדוש זי״ע מקפיד געווען אויף יענעם בעל מוסר און געזאגט בזה״ל, ״די ווייסט ווי חשוב עס איז ביים הייליגען באשעפער די קדושה וואס די יושבי קרנות ברענגען אראפ, ווען זיי דאווענען מנחה דארט אין מארק, ווייל זיי האבן נישט די צייט אנצוקומען אין ביהמ״ד, אבער זיי ווילן נישט פארפאסן קיין תפלה בציבור, ווי הויעך די תפלה דערגראכט און ברענגט א נחת רוח פארן הייליגער באשעפער״,

איינמאל איז א איד געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק פאר א ישועה, און אינמיטן זיך אויס רעדן האט ער געזאגט א לשון הרע אויף א איד, גלייך האט דער צדיק געזאגט פאר דעם איד, די האסט גערעדט לשון הרע אויף א איד, מיט דעם האסטו מקלקל געווען אז איך זאל דיר נישט קענען פויעלען קיין ישועה.

ער איז געווען שטארק בידידות מיט אסאך צדיקים בדורו און מקפיד געווען צו משמש זיין צדיקים פונעם דור, ספיציעל איז ער געווען זייער מקושר מיטן הייליגען דברי חיים מצאנז זי״ע,

נאכן הסתלקות פונעם הייליגען צאנזער רב זי״ע וואס האט געהאט אלע דריי עמודים אויף וואס די וועלט שטייט, תורה, עבודה, גמילות חסדים, איז באקאנט אז די תלמידים האבן זיך צעטיילט מיט די מידות פון זייער רבין, איינער האט גענומען תורה, איינער עבודה, און איינער גמילות חסדים, האט דער צדיק רבי שלמה לייב זי״ע געזאגט, אז ער האט מקבל געווען בירושה פון זיין רבין דער הייליגער צאנזער רב זיין עבודת התפלה,

אויך איז ער געווען א תלמיד פון הרה״ק רבי חיים אורי גאלדבערג דומ״ץ ריישא זי״ע, וואס האט מעיד געווען אויף דעם תלמיד, אז זיין גאנצע מחשבה איז נאר צו מקיים זיין דעם פסוק ״ולדבקה בו״ זיך מדבק זיין אונעם גרויסן באשעפער יעדע סעקונדע פון זיין לעבן, דער תלמיד דער טיטשינער רבי פלעגט זאגן, אז דעם טאג וואס ער זעט זיין רבין רבי חיים אורי ריישער אין חלום, איז ער זיכער אז ער וועט נתבשר ווערן מיט א בשורה טובה,

אויך איז ער געווען א תלמיד פון הרה״ק רבי יוזפא מנאנאש זי״ע,

טויזנטער אידן זענען געקומען צו דעם צדיק וקדוש פאר א ברכה און עצה ותושיה, אבער דער צדיק האט ממאס געווען ברבנות און נישט געהאלטן אז ער איז ראוי צו זיין א רבי, אבער ער פלעגט זאגן אז ער האט מורא אוועק צו שיקן צובראכענע אידן וואס קומען זיך מזכיר זיין, אז עס זאל אים ח״ו נישט שאטן די הקפדה, און אפשר וועלן זיי טאקע געהאלפן ווערן דורך זיינע ברכות,

דער צדיק האט דערציילט, אז יונגערהייט האט ער געוואוינט אין א שטאט ווי עס איז נישט געווען קיין געהעריגע ווארעמע מקו׳, נאר א פארפרוירענע קאלטע מקו׳ פיל מיט אייז, און ווען ער האט זיך אמאל אפגערעדט צום צאנזער רב דערוועגן, האט דער הייליגער צאנזער רב אים געענטפערט, ״הייסט מען דיך דען וואוינען דארט אין מקו׳, נאר מען גייט אריין, מ׳טובל׳ט זיך און מען גייט זאפארט ארויס״,

האט דער צדיק געזאגט, אז פון דאן נאך די ווערטער פונעם הייליגען צאנזער רב, ווען ער איז זיך געגאנגען טובל׳ן אין די קאלטע מקו׳, האט ער זיך דערמאנט אין די ווערטער פונעם צאנזער רב, און ער האט בכלל נישט געפילט די קעלט אין די מקו׳,

שפעטער נאכן פטירה פונעם הייליגן דברי חיים מצאנז זי״ע האט ער זיך מדבק געווען אונעם זון דער הייליגער שינאווער רב זי״ע, ווי באקאנט האט דער הייליגער שינאווער רב אים מסמך געווען אלס רבי און אלס פועל ישועות, און נאכן פטירה פונעם שינאווער רב זי״ע זענען אסאך פון די שינאווא חסידים געפארן צום טיטשינער רבי,

ער האט אן גענומען דאס רבנות אין שטאט טיטשין, און ער האט געזאגט אז ער האט דאס רבנות גענומען אין דעם שטאט, ווייל דארט איז די מקום מנוחה פון הגה"ק רבי יעקב ב"ר ברוך בעל ברכת יעקב אב"ד טיטשין זי"ע, און אויך ווייל דארט ליגן די עלטערן פונעם הייליגען נועם אלימלך מליזענסק זי"ע, און אויך האט דער הייליגער רבי אלימלך מליזענסק זי"ע דארט געוואוינט פאר א שטיק צייט, און איבער געלאזט דארט א גרויסע קדושה און דארט אונעם שטוב ווי ער האט געוואוינט איז א מקום ווי תפלות ווערן נתקבל.

ער האט אסאך לוחם געווען אויף גדרי צניעות און קעגן יעדע פירצה אין ענייני מלבושים, ער האט כסדר מוחה געווען קעגן דעם וואס אידישע קינדער זענען געגאנגען מיט גוי'אישע קליידער, אויך האט ער לוחם געווען צוזאמען מיטן הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע קעגן אנטוען א פאה נכרית,

דער צדיק האט עוסק געווען אין צדקה וחסד מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, דאס גאנצע געלט וואס ער האט באקומען ביים נעמען פדיונות פון קוויטלעך, האט ער אוועק געגעבן פאר צדקה פאר צובראכענע אידן וואס זענען געקומען צו אים, אויך איז ער געווען א בעל מכנים אורח בסבר פנים יפות מיט א מסירת נפש, ווייל דאן איז געווען קעגן דעם געזעץ אריינצונעמען געסט ביי זיך אין שטוב,

אויך האט ער געהאט א שטארקע התקרבות ביי צדיקים בדורו ובתוכם,

הגה"ק רבי אלעזר ריישער זי"ע,
הרה"ק רבי שלמה הראשון מבאבוב זי"ע,

אין די לעצטערע יארן פון זיין לעבן האט ער אסאך מלקט געווען דברי חז"ל און דברי תורה פון תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע וועגן די גרויסקייט פון דאווענען, און ער האט דאס מסדר געווען לויט די פרשיות און אויף די ימים טובים,

און די הקדמה שרייבט דער גאון הגה"ק רבי אהרן לעווין אב"ד ריישא זי"ע אויף דעם טיטשינער רבי זי"ע בזה"ל, "כל ימיו עסק בתורה ועבודה במסירת נפש עד להפליא, ומי ימלל גודל צדקתו וחסידתו ופרישותו, אליו רבים דרשו, ומכל עברים נהרו אליו לשאול בעצתו כאשר ישאל איש בדבר האלקים, אוהב את המקום, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה",

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,

הרה"ק רבי אברהם מטיטשין זי"ע,
הרה"ק רבי מאיר זי"ע,
חתנו הרה"ק רבי אברהם זאב מאנד מטיטשין זי"ע,

צוויי יאר בעפאר זיין פטירה איז דער צדיק קראנק געווארן אויף די פיס, די דאקטורים האבן געהייסן אז דער צדיק מיז ליגן אין בעט און די פיס זאלן זיין פארבינדן, אבער ווען עס איז געקומען די צייט צו דאווענען, איז דער צדיק ארויס געשפרינגען פון בעט און אפגעראכטן זיין עבודת התפלה מיט א מסירת נפש, און מען האט בכלל נישט געזען אויף דעם צדיק אז ער איז קראנק אויף די פיס,

ערב שבת פרשת בלק בשנת תרפ"ז איז דער צדיק קראנק געווארן און אריינגעפאלן אין בעט, ער האט נאך שבת קידוש געמאכט און אויך מוצאי שבת האט ער געמאכט הבדלה, זונטאג האט ער נאך געדאווענט שחרית מיט טלית ותפילין שטייענדיג אויף די פיס ביים דאווענען,

נסתלק לגנזי מרומים ביום א' פרשת פנחס י' תמוז בשנת תרפ"ז, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט טיטשין,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

גאנץ אנפאנג האט דער צדיק רבי שלמה לייב זי"ע געדינט דעם באשעפער גאר באהאלטן, אבער עס איז געקומען די צייט, ווען פון הימל האט מען געוואלט אז דער צדיק זאל נתפרסם ווערן, און די וועלט זאל נהנה זיין פון זיין לעכטיגקייט און זיין תורה און קדושה, און דאס איז געווען איין יאר פורים, ווען דער צדיק רבי שלמה לייב איז נאך געווען א יונגערמאן, אפאר יאר נאך די חתונה, איז ער געפארן קיין צאנז זיך מסתופף צו זיין בצלו פונעם הייליגען דברי חיים זי"ע, און א בליק טאן אויפן צורה פונעם צדיק הדור,

אזוי שטיפענדיג זיך צו זעהן די צורה פונעם הייליגען צאנזער רב זי"ע, האבן אפאר חסידים וואס האבן נישט אפגעשאצט די נשמה פון דעם יונגערמאן, זיך גענומען טשעפען מיט דעם יונגערמאן, און זיי האבן אים געזאגט, יונגערמאן פארוואס שטופסטו זיך צווישן די גרויסע,

אפשר ווילסטו גאר ווערן א רבי, אבער וויסן זאלסטו, אז טויגן טויגסטו אפשר פאר פורים רב, און אזוי האבן די אנדערע אידן דארט געטשעפעט דעם צדיק רבי שלמה לייב זי"ע,

אבער פלוצלונג שטעלט זיך אויף דער הייליגער צאנזער רב זי"ע און האט א געשריי געטאן, ווען מען טשעפעט מען דא אויף וועמענ'ס חשבון מאכט מען ווערטלעך, אויף אונזער שלמה לייבל'ען, מיט א יונגערמאן וואס טויזנטער אידן וועלן שטיין ביי זיין טיר, אייערע קינדער און אייניקלעך וועלן דאך דארפן אנקומען צו איהם, שלמה לייב איז דאך דער וואט ווייסט ווי צו דינען דעם אויבערשטן מיט פשטות און תמימות, און דער הייליגער צאנזער רב צום וואונדער פון די אלע חסידים, האט איהם ארום גענומען מיט ליבשאפט און געזעצט נעבן זיך, און זיך אנגערופן צו איהם, "געגוג געגעסן קעסט ביים שווער, גיי אויף אייגענע קעסט און ווער א רבי",

דער צדיק רבי שלמה לייב האט מיט זיין תמימות געמיינט, אז אוודאי מיינט דער הייליגער צאנזער רב, אז ער זאל ווערן א רבי, דאס הייסט א מלמד תינוקות, וויל פאר דעם צדיק איז בכלל נישט איינגעפאלן, אז דער צאנזער רב מיינט א רבי פון חסידים, און דערפאר אזוי ווי ער איז אהיים געקומען, האט דער צדיק אנגעהויבן דינען אלס א מלמד, גאר שנעל האבן זיך די עלטערן צו געכאפט צום נייעם מלמד, און עס האט נישט לאנג גענומען ביז דער צדיק האט געהאט א גרויסע סכום קינדער וואס האבן ביי איהם געלערנט, און ער האט דערפילט דאס מלמדות מיט א ערליכקייט,

נאך די שעות פון זיין מלמדות, איז דער צדיק יעדן טאג ארום אין די וועלדער, און דארט געדינט דעם באשעפער מיט א געוואלדיגע דביקות, ווייט פון מענטשן, איין טאג איז דארט דורך א גוי מיט בהמות וואס ער האט געפאשעט, און האט געטראפן דעם צדיק ליגן צווישן גראז, און שרייט אויס מלוא כל הארץ כבודו, אז מען זוכט איהם דעם באשעפער, טרעפט מען איהם אומעטום און ארום איהם האט געברענט א פייער,

דער גוי איז פון שרעק אנטלאפן, און ער איז אריין געלאפן אין שטאט, און האט דערציילט די פויערן וועגן דעם משונה'דיגן אידל, און די גוים האבן די מעשה צושפרייט אין שטאט, אזוי אז צוביסלעך זענען צו איהם געקומען אידן בעטן ברכות און זיך ביי איהם מזכיר זיין, די ערשטע צייט האט דער צדיק מיט זיין תמימות אפ געלאכט פון די וואס האבן איהם געהאלטן אלס א רבי זאגנדיג, אמת איך בין טאקע רבי, אבער נאר פאר קליינע קינדער,

אבער מיט די צייט האט זיך אינעם צדיק דערוועקט זיין רחמנות געפילן אויף די צובראכענע אידן, און ער האט אנגעהויבן ווינטשן אידן מיט ברכות וואס איז מקויים געווארן, כאטש ער פלעגט אייביג צו לייגן די ווערטער, "לעולם אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך", האט אבער דער עולם אנדערש אויף איהם געקוקט, און מ'האט איהם גענומען דערלאנגען אויך פדיונות, אבער דאס האט ער באלד אפ געשטיפט זאגנדיג, אז דאס איז שוין פשוט גזילה, און ער פלעגט שרייען, בין איך דען א קונצן מאכער איך קען דען לייגען קוויטלעך, צו מעג איך נעמען געלד ביי אידן,

אבער אין איינע פון זיינע נסיעות קיין צאנז אויף א שבת, האט ער זיך ווידער געשטופט צווישן די חסידים, און ווען דער צאנזער רב האט איהם דערזעהן, האט ער איהם צו גערופן און איהם געזעצט נעבן זיך, און איהם געפרעגט, ווי האלט עפעס מיט אייער רביסטווע, האט איהר שוין א עולם, אה ברוך ד' רופט זיך אן רבי שלמה לייב, מיינענדיג אויף זיין הצלחה אלס מלמד, עס איז נישט דא אויף וואס זיך צו באקלאגן, עס איז פאראן א שיינער עולם זיי לערנען גוט, און אויך פרנסה איז דערפון דא, נאר איין חסרון איז נאך דא, וואס מען וואוינט אביסל ווייט פון צאנז און צו גיין צום רבין דארף נעמען א דריי וואכן,

רופט זיך אן דער צאנזער רב צו רבי שלמה לייב, איר דארפט דען נאך א רבין, זאלן זיי פארן צו אייך, דאן האט שוין רבי שלמה לייב פארשטאנען, אז דער צאנזער רב מיינט עפעס אנדערש, ער מיינט טאקע א רבי א מנהיג ישראל, און ער האט זיך דעריבער שטארק צו וויינט און זיך אנגערופן, רבי א פירער פון אידן, צו מיר זאלן אידן פארן, איך פחות שבפחותים, און אזוי האט דער צדיק רבי שלמה לייב געוויינט און געבעטן דעם צאנזער רב, אז ער וויל נישט ווערן א רבי פון חסידים,

חסידים אין צאנז פלעגן דערציילן, אז נאך דעם וואס דער צאנזער רב האט געזען דעם רבי שלמה לייב וויינען, און נישט געקענט פויעלן פון איהם אז ער זאל אן נעמען רבנות, האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע זיך באניצט מיט אליהו הבניא ז"ל, וואס דאן איז אנגעקומען צום הייליגן דברי חיים א אלטער חסיד, וואס דאס איז

געווען אליהו הנביא ז״ל, און ער האט זיך געשטעלט פארן צאנזער רב.

פרעגט דער הייליגער דברי חיים פון דעם חסיד וואס איז געווען אליהו הנביא, וואס וואלט איר געטון אויב איך הייס אייך היינט ווערן א רבי, האט דער חסיד געזאגט, אוודאי וואלט איך געפאלגט, ווייל עס איז דאך א אנזאג פונעם רבין, און אויב די רבי הייסט ברויך מען פאלגן, און איך וואלט דאס געטון מיט א שמחה אז מיר האבן א זכי׳ צו העלפן און גוטס טאן פאר אידישע קינדער, דאן האט זיך דער הייליגער דברי חיים אויס געדרייט צו רבי שלמה לייב און געזאגט, זעהט איר ווי א חסיד רעדט, און איר ברויכט אויך פאלגן.

ווען רבי שלמה לייב האט געהערט די ווערטער פון זיין רבין, האט ער בלית ברירה מסכים געווען צו פאלגן דעם רבין, אבער דער רבי שלמה לייב האט יענעם גאנצן שבת געזיכט דעם חסיד, כדי צו קענען פרעגן פונעם חסיד ווי אזוי מען ברויך אויספירן דעם רבינ׳ס רצון בשלימות, אבער לפלא האט ער נישט געקענט טרעפן דעם חסיד אינעם גאנצן שטאט, דאן האט ער שוין גוט פארשטאנען וואס זיין רבי האט דא געטון, אז דאס איז געווען אליהו הנביא, און ער האט נישט קיין ברירה, נאר ער מיז נעמען דאס רבנות,

רבי שלמה לייב וואס איז נאך געבליבן ביי זיין מלמדות, האט שוין אבער לויטן אנזאג פון צאנזער רב גענומען קוויטלאך, און צוביסלאך איז ער מפורסם געווארן פאר א בעל מופת און די געהאלפענע האבן גענומען צושפרייטן זיין נאמען איבערן געגנט,

אבער עס איז נאך דאן געווען חשובע חסידים, וואס צו זייערע אויערן איז נישט געקומען די ידיעה, אז דער צאנזער רב האט אים מסמיך געווען אלס רבי, און דאן איז שוין דער צאנזער רב אויך נסתלק געווארן, זענען נאך דאן געווען חסידים וואס האבן אים כסדר גע׳רודפ׳ט און געזאגט, מי שמך לאיש, ווער האט דיך געמאכט פאר א רבי, די וואס דו בוסט נישט קיין מיוחס און נישט קיין מוסמך פון צדיקים זאל נעמען פירן רביסטווע, ווער ווייסט צו דאס קומט פונעם צד הקדושה,

דאן האט זיך באזעצט אין שטאט טוטשין א גרויסער גביר א שטארקער חסיד פון צאנזער רב, און ער איז צו געגאנגען צום רבי שלמה לייב מיט א שטאלץ זייענדיג א גביר א שיינער חסיד און זאגט צו אים, איך בין באמת אייער א גוטער פריינד און איך וויל אייך פרעגן פאר אייער טובה, צו מעג מען אידן אפנארן און נעמען פון זיי קוויטלאך מיט פדיונות, אפשר שמעקט דאס גאר פון גזילה, אדער אפשר איז דאס גאר נישט פון כוח הקדושה,

אמת זאגט צו איהם רבי שלמה לייב מיט זיין אמתע עניוות, אפשר טאקע זענט איר גערעכט, אבער ליידער איז שוין דער צאנזער רב מער נישט מיט אונז, אפשר וואלטן מיר ביידע צו געפארן צו איינעם פון די קינדער זאל זיין דער גארליצער רב און לאמיר אים פרעגן, האט אוים געפירט רבי שלמה לייב וואס איז באמת געווען גרייט די רביסטווע אפצולאזן,

נאך היינט זאגט דער חסיד דער גביר צו רבי שלמה לייב פארן מיר ארויס צוזאמען, און וואס ער וועט זאגן אזוי וועט זיין, און באלד ווי זיי זענען אריין צום גארליצער רב, האט אים דער גארליצער רב שטארק מכבד געווען אנרופנדיג זיך צום גביר, ער איז א רבי, ער מעג זיין רבי, און ער דארף זיין א רבי, דער טאטע ז״ע האט אויף אים געזאגט ״אט דער יונגערמאן ווייסט ווי צו דינען דעם בורא עולם, און האט אים געהייסן זיין רבי״, דער גביר דער חסיד איז שפעטער געווען פון די שארפסטע און גרעסטע חסידים פון רבי שלמה לייב און ער האט איהם מפרסם געווען איבער די וועלט,

א פרוי אן איינוואוינערין פון א דארף נעבן צאנז, האט אפגעדונגען די רעכט צו האלטן א שענק הויז פון א דארטיגן גוי, אבער די ווייב פונעם גוי איז געווען א גרויסע רשע׳נטע, און זי האט געצוואונגען איר מאן אז ער זאל צוריק נעמען דאס רעכט פון די אידישע פרוי, און דער גוי האט דאס דאן פארדינגען פאר א גוי,

יענער גוי וואס האט פארדונגען דעם שענק הויז איז אויך געווען א גרויסער רשע, און אויסער דעם וואס ער האט דעם שענק הויז פארדינגען, האט ער אויך אנגעהויבן האנדלען מיט אייער, און ער האט אפ געקויפט אלע אייער וואס מען האט געברענגט אונעם געגנט, אזוי אז די אידישע פרוי וואס איר האנדל איז ביז דעמאלט געווען מיט אייער, האט פארלוירען אויך איר אנדערע פרנסה,

איז די פרוי אראפ געפארן צום הייליגען טיטשינער רבי ז״ע, און זיך מזכיר געווען, אז דער גוי נעמט איר צו די פרנסה, סיי מיטן פארדינגען דעם שענק הויז פאר א

אנדערן גוי, און אויך מיטן צונעמען איר פרנסה מיט די אייער,

האט דער צדיק איר געזאגט "דער גוי וועט בקרוב האבן א מפלה", און דעם קומענדיגן מאנטאג איז דער גוי געפארן צום יריד קיין צאנז צוזאמען מיט נאך צוויי גוים, און אזוי פארנדיג האט דער גוי אנגעהויבן צוזאמרעדן שלעכטס אויף די נייע פוילישע רעגירונג, און געגאסן פעך און שוועבל אויף די רעגירונג פון פולין,

און איינע פון די גוים דארט האט אנגעהויבן זיך טאנה'נען מיטן גוי אז די רעגירונג איז יא גוט, ביז עס האט אויסגעבראכן א געשלעג צווישן די גוים, און דער גוי פונעם שענק האט דעם אנדערן גוי צושפאלטן דעם קאפ, און האט יענעם גאר שטארק צו מזיק'ט,

ווען די פאליציי זענען אנגעקומען האט מען דעם גוי ארעסטירט, און ער האט באקומען אסאך יאר תפיסה, און די מרשעת די ווייב פונעם גוי איז דאן משוגע געווארן, און די אידישע פרוי האט צוריק באקומען איר פרנסה פונעם שענק הויז און אויך פון די אייער און געהאט פרנסה ברווח.

הרה"ח רבי מרדכי הכהן שטיין ז"ל האט דערציילט, אז זיין פעטער האט געהאט א גרויסע געשעפט פון לעדער, און ער האט אסאך געליטן פון מייז וואס האבן זיך דארט אריין געכאפט און אסאך שאדן געמאכט,

איז דער פעטער געגאנגען צו הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע און זיך מזכיר געווען דערוועגן, האט דער הייליגער בעלזא רב געזאגט, אז מען זאל גיין צום הייליגן צדיק פון טיטשין און ער וועט העלפן, זענען זיי אריבער צום צדיק פון טיטשין און זיך מזכיר געווען וועגן איבער די מייז ביי זיי אין געשעפט,

האט דער טיטשינער צדיק געהייסן, אז מען זאל גיין צום לאך פון ווי די מייז קומען און זאגן די ווערטער, "שלמה לייב מטיטשין האט געהייסן אז עטי'ז זאלטס אוועק גיין פון דא", די פעטער האט מקיים געווען וואס דער צדיק האט געהייסן, און לפלא האבן זיי געזען ווי די מייזן גייען ארויס איינס ביי איינס, און זיי זענען מער נישט צוריק געקומען.

הרה"ח רבי ישראל גאלדמאן פון שטאט בלאזשוב האט דערציילט, אז ער האט זיך געברויכט שטעלן צום מיליטער אין די שטאט טיטשין, און דאס האט געדארפט זיין אין א שבת טאג, און ווי דער סדר איז געווען האט ער מיט נאך עטליכע בחורים, וועלכע האבן זיך געברויכט שטעלן צום מיליטער, זיך אויסגעהונגערט א לענגערע צייט, ווייניג געגעסן און ווייניג געשלאפן, כדי זיי זאלן קומען צום שטעלונג דאר און שוואך, און דורך דעם בפרייט ווערן פון מיליטער דינסט,

ר' ישראל האט אבער געזען אז טראץ אלע פיינונגען איז ער נאך אלץ שטארק און הויעך, אזוי אז ער וועט נישט באפרייט ווערן פון מיליטער, און דער חסיד האט זייער מורא געהאט, אז וועגן דעם וועט מען אים נישט באפרייען פון די מיליטער,

איז ער אריין געגאנגען צום הייליגן טיטשינער רבי זי"ע מיט א קוויטל און א פדיון, און דערציילט פארן רבין, אז ער איז א יתום זיין מאמע לעבט שוין נישט, און ער העלפט זיין אלטן טאטן אין געשעפט, און אויך זענען נאך דא קינדער אין שטוב און ער העלפט ארויס זיי צו ערציען, און אויב ער וועט דארפן גיין אין מיליטער, וועט דער טאטע בלייבן אן פרנסה און די קינדער אן קיין ערציאונג,

ווען דער הייליגער טיטשינער האט דאס געהערט, האט ער געפרעגט ר' ישראל, אויב ער גייט מיט א לייב צודעקל (טלית קטן) און אויב ער ווייסט וואסערע סדרה עס גייט די וואך, און נאך אפאר פראגעס, און ווען דער טיטשינער צדיק האט געזען אז ער ענטפערט צו די זאך, האט ער גענומען א באנקנאט פון צוויי זלאטעס, און אים דאס געגעבן און געזאגט, "דא האסטו א פריי קארטל",

ווען ר' ישראל האט זיך געשטעלט צו די קאמיסיע האבן זיי אים געפינען פעהיג צו דינען אין מיליטער, און אים געגעבן א קארטל אז ער דארף יא גיין אין מיליטער, אבער ווי נאר ער איז ארויס געגאנגען פון דארט, האבן זיי אים צוריק גערופן אין אים געזאגט, אז בשעת ער איז ארויס געגאנגען פון דארט האבן זיי באמערקט, אז ער גייט נישט גוט, און דערפאר האבן זיי באשלאסן אים צו באפרייען פון די מיליטער דינסט,

שפעטער ווען עס האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלט מלחמה, איז די צוויי זלאטעס געבליבן ביי אים, און ער איז דורך דעם ניצול געווארן, און ער האט זוכה געווען איבער צו לעבן די קריג אינאיינעם מיט זיין ווייב און צוויי קינדער.

**יארצייט**
**מאנטאג י"א תמוז**

**הרה"ק המקובל האלקי רבי צבי הירש ב"ר יצחק אייזיק זי"ע, (אייכנשטיין), בעל עטרת צבי, מזידיטשוב, "הנקרא רבי הערשעלע זידיטשובער"**

ער איז געבוירן אין שטאט סאמבור, בשנת תקכ"ג,

צו זיין טאטן הרה"ק רבי יצחק אייזיק ספרין מזידיטשוב קאמארנא זי"ע,
בן הגה"ק רבי אלכסנדר מסטבניק זי"ע,
בן הגה"ק רבי צבי זי"ע,
חתן הגה"ק רבי יום טוב ליפמאן הלוי בעל תוספות יו"ט מקראקא זי"ע,
נכד הגה"ק רבי ישעי' הלוי איש הורוויץ בעל השל"ה הקדוש זי"ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת הינדא ע"ה,
בת הרה"ק רבי צבי זי"ע,
אויף די מאמע די צדקת מרת הינדא ע"ה דערציילט מען, אז זי איז געווען מפורסם מיט איר געוואלדיגע צדקת, און זי איז יעדע נאכט אויף געשטאנען און אויך אויפגעוועקט די קינדער צו תיקון חצות,

ער איז געווען א איש אלוקים קדוש ונורא מאוד, בוצינא דנהורא קדישא, ער איז געווען מפורסם אלס א גאון וגדול און א חריף און א בקי נפלא בש"ס ופוסקים, און אויך א בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר, ער איז געווען באוויסט אלס א בעל מקובל אלוקי, מען האט דעם צדיק געריפן מיטן נאמען "שר בית הזוהר", צוליב זיין הייליגע פירוש אויפן זוהר הקדוש, ער איז געווען א עניו און א חסיד, ער איז געווען מפורסם אלס א געוואלדיגע אוהב ישראל בלב ובנפש, דער צדיק האט טויזנטער אידן מקרב געווען מיט אהבה צום באשעפער, אויך איז ער געווען באוויסט אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות,

פון אלס יונג קינד האט מען שוין געזען אז לגדולות נוצר, ער האט געלערנט 7 בלאט גמרא יעדן טאג און דאס איבער גע'חזר'ט 7 מאל, וואס דאס מיינט אז ער האט געענדיגט 7 מאל ש"ס יעדעס יאר, ער איז געווען בימיו פון די גרעסטע גאונים בתורת הנגלה, זיין רבי בתורת הנגלה איז געווען הגה"ק רבי יצחק חריף אב"ד סאמבור זי"ע,

אבער בתורת הנסתר איז דער צדיק געווען איינע פון די גרעסטע בעלי מקובלים בימיו, דער צדיק וקדוש איז געווען אריינגעטון אין תורת הנסתר, און עוסק געווען בתורת הקבלה און בתורת האריז"ל יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, דער צדיק האט זיך אמאל אויס געדריקט, אז ער איז א תלמיד מובהק פון רבי שמעון בר יוחאי זי"ע, אזוי מקושר איז דער צדיק באמת געווען אין לימוד הזוהר, און צדיקים האבן געזאגט, אז דאסווארט זהר איז נוטריקון "ר'בי ה'ערשעלע ז'ידיטשובער",

ער איז געווען א תלמיד מובהק פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, וואס די אהבה צווישן תלמיד אונעם רבין איז געווען עד אין לשער, דער צדיק דער הייליגער עטרת צבי האט גאר אסאך משמש געווען דעם הייליגען חוזה מלובלין, און גאר אסאך תורה און חסידות האט דער צדיק דער הייליגער עטרת צבי קונה געווען פון זיין הייליגען רבין, און זיין רבי דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט מעיד געווען, אז דער תלמיד רבי הערשעלע איז איינס פון דריי צדיקים, וואס האבן נישט פארגעסן פונעם אייבערשטן אפילו פאר א רגע,

דער הייליגער עטרת צבי זי"ע האט באדינט זיין רבי דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע מיט א געוואלדיגע מסירת נפש און זיך ממש נישט אוועק גערירט פונעם חוזה, איז געווען חודש חשון די יאר וואס דער הייליגער חוזה איז נסתלק געווארן, און דער הייליגער חוזה איז געווען גאר שוואך און נישט געקענט גיין אויף די פיס,

האט דער תלמיד רבי הערשעלע געטראגן דעם רבין מוצאי שבת נאך הבדלה, און עס איז געווען די לעצטע טאג וואס מען האט געקענט מאכן קידוש לבנה, און דער חוזה האט נאכנישט געהאט געמאכט קידוש לבנה, אבער עס איז געגאנגען א רעגן און מען האט נישט געזען קיין לבנה,

האט דער הייליגער חוזה געזאגט בזה"ל, "עס וואלט געווען א גאר א חשובע זאך אז רבי הירשלי זאל אונז געבן א שיינע לבנה צו מאכן קידוש לבנה", גלייך איז דער תלמיד רבי הערשעלע צו געגאנגען צום ערשטען פענסטער פונעם ביהמ"ד, און זאגט פארן רבין, "רבי דא האט איר א שיינע לבנה", און לפלא גלייך האבן זיך די וואלקענעס א ריק געגעבן, און דער הייליגער חוזה האט געקענט מאכן קידוש לבנה,

די פלא איז געווען, נישט אז די לבנה איז ארויס געקומען, נאר אז די לבנה האט זיך באוויזן ביים פענסטער, וואס איז בכלל נישט געווען קעגן די זייט ווי די לבנה איז געווענליך,

און דער הייליגער חוזה האט געזאגט פאר זיינע תלמידים, "מיינט נישט אז דער רבי הירשלי האט איבער געדרייט דעם וואנט פון די ביהמ"ד, און דאס געשטעלט קעגן די לבנה, נאר ער האט איבער געדרייט די סדר פון די הימל, און געברענגט די לבנה קעגן די פענסטער, און דאס איז אלעס נאר כדי איך זאל מיך נישט דארפן מיטשענען ווייל איך בין דאך שוואך, און ער האט נישט געוואלט מיך מטריח זיין", ווייל דאס איז געווען די כח פונעם הייליגען תלמיד,

דער צדיק וקדוש האט זיך מסתופף געווען בצלו פון אסאך צדיקי הדור ובתוכם,

הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע,
הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע,
הרה"ק רבי ברוך ממעזיבוז זי"ע,
הרה"ק רבי ישראל האפשטיין בעל עבודת ישראל המגיד מקוזניץ זי"ע,
הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע,
הרה"ק רבי משה לייב מסאסוב זי"ע,
הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע,
הרה"ק רבי זאב וואלף מזבאריז זי"ע,
הרה"ק רבי משה בעל ישמח משה מאוהעל זי"ע,
הרה"ק רבי צבי הירש בעל צמח ד' לצבי מנדבורנא זי"ע,

ווען דער צדיק רבי הערשעלע זי"ע איז איינמאל געווען ביים צדיק רבי ברוכ'ל ממעזיבוז זי"ע, האט ער זיך באהאלטן אונעם שטוב פון רבי ברוכ'ל, און מיט געהאלטן ווי דער צדיק זאגט שיר השירים ערב שבת מיט א געוואלדיגע התלהבות, און כמעט וואס זיין נשמה איז אים ארויס געפלויגן, אבער וויבאלד ער האט געפילט די גרויסע דביקות, האט ער זיך געוואלט מדבק זיין אין דעם מדרגה פון רבי ברוכ'ל,

איז דער תלמיד געגאנגען צו זיין רבין דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע און געפרעגט, אויב ער זאל זיך מדבק זיין אונעם מדרגה פון רבי ברוכ'ל, האט דער הייליגער חוזה געזאגט, אויב וועסטו זיך מדבק זיין אין זיין מדרגה, וועסטו קודם מיזן פארלירען דיינע אלע מדרגות פון ביז יעצט, און ווער ווייסט אויב די וועסט קענען צוריק באקומען די מדרגות,

רבי הערשעלע האט זיך אסאך מסגף געווען, ער האט געהאט א מנהג ווינטער צו גיין און ברעכן די אייז פונעם מקו' און זיך טובל'ן אין אייז קאלטע וואסער, און דאן עוסק געווען אין זוהר הקדוש און געזאגט תהילים, דער צדיק האט געשריבן אין זיין ספר סור מרע ועשה טוב, אז זיך טובל זיין אין קאלט וואסער איז א תיקון גדול פארן נפש, ווייל די ווערטער "מי"ם קרי"ם" באטרעפט צו "מ"ת", און דורך זיך טובל'ן אין קאלט וואסער איז מען מכפר אויף עבירות די זעלבע וועג ווי שטארבן,

דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט דעם הייליגען עטרת צבי מקבל געווען אלס רבו מובהק, נאכדעם וואס זיין רבי דער הייליגער זרע קודש מראפשיץ זי"ע איז נסתלק געווארן, און ער האט דעם צדיק גערופן "דער רבי רבי הירש",

אויך הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע האט אסאך גערעדט פון די דברי תורה פון זיין טאטן'ס רבי דער הייליגער עטרת צבי, און ווי דער זוהן פונעם הייליגען שינאווער רב הרה"ק רבי אברהם שלום מסטרופקוב זי"ע איז מעיד, איז כמעט נישט דורך קיין טאג וואס דער טאטע דער שינאווער רב האט נישט גערעדט פון די גרויסקייט פונעם הייליגען עטרת צבי זי"ע,

הגה"ק רבי מאיר ליבוש בעל המלבי"ם זי"ע, שרייבט אין זיין ספר ארצות החיים, אז ער איז א תלמיד פונעם הייליגען עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע,

אויך הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע, וואס איז שוין געבוירן געווארן יארן שפעטער, האט זיך נוהג געווען צו שרייבן אין זיינע הייליגע ספרים בזה"ל, "מורי ורבי ה'עטרת צבי", און געזאגט, אז ער איז אזוי דבוק אין די הייליגע ספרים פונעם עטרת צבי, כאילו ער וואלט ווען געלעבט אין זיינע צייטן, אויך הרה"ק רבי אהרן ראטה בעל השומרי אמונים זי"ע האט דעם צדיק געהאלטן אלס זיין רבי, און זיך אויסגעדריקט אויפן צדיק "שר בית הזוהר",

זיין השפעה אין גאליציה און אויך אין אלע מדינות ארום איז געווען גאר גרויס, נאך די פטירה פונעם הייליגען זרע קודש מראפשיץ זי"ע, איז ער פארעכענט געווארן אלס רבן של כל בני הגולה פון גאנץ גליציה,

דער הייליגער עטרת צבי איז איינמאל געווען אין שטאט מונקאטש, און ווען ער איז אוועק געפארן האט אים די

גאנצע שטאט ארויס באגלייט, ובתוכם איז געווען דער הייליגער בני יששכר זי"ע, און ווען דער בני יששכר איז צוריק אהיים געקומען פון די באגלייטונג, האט ער געזאגט בזה"ל, "מער וויפל בלעטער עס איז דא אויף דיביימער, האט דער מחותן דער עטרת צבי מתקן געווען נשמות נאר אויפן יעצטיגן וועג ארויס".

ער האט ארייגעשיינט יראת שמים אין זיינע תלמידים און חסידים אויף א גאר געהויבענע מדרגה, ער האט געהאט א מנהג, אז ראש חודש תמוז האט ער יעדעס יאר מעורר געווען די תלמידים אז די נוטריקין פון דעם חודש איז, ז'מני ת'שובה מ'משמשין ו'באין, און מעורר געווען די תלמידים אז מען דארף שוין יעצט אנהייבן תשובה טון, און אפילו די ווערטער זענען שוין געברענגט אין די ראשונים, האבן די תלמידים אבער מעיד געווען, אז דאס התעוררות וואס איז דאן געווען צווישן די תלמידים איז געווען גאר שטארק.

דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע האט געהאט א זייגער וואס ער האט געהאלטן בשעת'ן דאווענען, ווייל ער האט געברויכט האלטן א דבר חול אין די האנט, כדי ער זאל נישט אויס גיין פון גרויס דביקות הבורא ביים דאווענען.

ער האט געהאט תלמידים גדולים וצדיקים בדורו ובתוכם,
הרה"ק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע,
הרה"ק רבי משה מסאמבור זי"ע,
הרה"ק רבי צבי אלימלך בעל בני יששכר מדינוב זי"ע,
הרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זי"ע,
הרה"ק רבי אלעזר מלאנצהוט זי"ע,
הגה"ק רבי מאיר ליבוש בעל המלבי"ם זי"ע,
הרה"ק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע,
הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע,
הרה"ק רבי שלום מקאמינקא זי"ע,
הרה"ק רבי אליעזר זאב מבוטשעטש זי"ע,
הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע,

בערך 10 יאר פאר זיין הסתלקות, איז דער צדיק קראנק געווארן, און די דאקטורים האבן ממש אויף געגעבן אויף זיין לעבן, אבער דער הייליגער באשעפער האט געוואלט אז דער צדיק זאל נאך באשיינען די וועלט מיט זיין קודשה, און ער איז צוריק געזונט געווארן,

דער צדיק האט געזאגט, אז דריי צדיקים האבן אים אויס געבעטן אז ער זאל נאך דא בלייבן אויף די וועלט,

הרה"ק בעל זרע קודש מראפשיץ זי"ע,
הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע,
הרה"ק בעל ישמח משה מאוהעל זי"ע,

אבער ער האט מדגיש געווען, אז דער גרעסטער פון די אלע האט דער הייליגער ראפשיצער רב פאראבעט פאר זיין רפואה, און דער צדיק איז טאקע דאן געפארן באדאנקען דעם הייליגען ראפשיצער רב זי"ע, און דארט אפגעראכטן א סעודת הודאה,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע ספרים אויפן דרך הקבלה און תורת הנסתר,

ספר בית ישראל, על התורה,
ספר עטרת צבי, פירוש על הזוהר,
ספר פרי קודש הלולים, א הקדמה אויפן ספר פרי ע"ץ חיים,
ספר סור מרע ועשה טוב, אויפן ספר ע"ץ חיים פונעם אר"י הקדוש זי"ע,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער,

הרה"ק רבי יחיאל מיכל זי"ע, וואס איז געווען זיין בן יחיד, אבער איז ליידער נפטר געווארן נאך בחיים חייתו פונעם טאטן,
בתו, הרבנית הצדקת מרת שרה ע"ה, אשת הרה"ק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע, בן הרה"ק רבי משה מסאמבור זי"ע,
בתו, הרבנית הצדקת מרת חי' ע"ה, אשת הרה"ק רבי נפתלי הירצל לאבין זי"ע, בן הרה"ק רבי יוסף מלובלין זי"ע, תלמיד פון החוזה מלובלין זי"ע,
בתו, הרבנית הצדקת מרת ריזל ע"ה, בזיווג ראשון אשת הרה"ק רבי משה חיים מראזלא זי"ע, בן הרה"ק רבי אייזיקל קאלובער זי"ע, בזיווג שני אשת הרה"ק רבי יוסף רוטנבערג מקאזיווע זי"ע, ובזיווג שלישי אשת הרה"ק רבי בערצי אב"ד לטוסט זי"ע,
בתו, הרבנית הצדקת מרת רבקה ע"ה, אשת הרה"ק רבי יהודה ליבוש ערליך מראזדל זי"ע, בן הרה"ק רבי משה מאוסטראה זי"ע,

בשנת תקצ"א האט ליידער געהערשט א גרויסע עפידעמע ל"ע, וואס פון דעם מגיפה זענען ליידער אסאך אידישע נפשות אוועקגעריסן געווארן רח"ל, אין יענע צייטן פלעגט דער עטרת צבי זי"ע צו גיין יעדן טאג צו די מזוזה און דארט פארלאזט טרערן, און געזאגט "הריני כפרת ישראל",

כ״ג סיון בשנת תקצ״א איז די רעבעצין הרבנית הצדקת מרת רחל פערל ע״ה נפטר געווארן, און די רעבעצין איז געקומען מעולם העליון צו איר הייליגען מאן, און געזאגט אז נאך אביסל וועט ער אויך נסתלק ווערן,

דערציילט דער איידעם הרה״ק רבי יהודה צבי מראזלא זי״ע, אז איין טאג פארן הסתלקות פונעם שווער, האט אים דער שווער צו גערופן און געפרעגט א שאלה, מעג א מענטש זיך אויפטוהן מיט א גוטע זאך וואס ער האט געטון אין זיין לעבן, כדי מען זאל זיך אפ לערנען דערפון, האט דער איידעם געזאגט אז יא מען מעג דאס טון,

האט דער שווער געזאגט פארן איידעם מיט זיין גרויס ענוות, איך האב מיין גאנץ לעבן געזיכט און געווישטערט אויף איין גוטע זאך וואס איך האב געטון, אבער איך האב גארנישט געטראפן, נאר איין זאך האב איך יא געטראפן, און דאס איז אז איך האב חתונה געמאכט 40 יתומים און יתומות ארימעלייט,

ווייל יעדעם מאל וואס איך האב חתונה געמאכט איינע פון מיינע קינדער אדער אייניקלעך, האב איך דאן אויך חתונה געמאכט א יתום אדער א יתומה, און דער צדיק וקדוש מיט זיין גרויס ענוות האט דאס געזען ווי דאס איינציגסטע גוטע זאך וואס ער האט גוט געטון אויף די וועלט, אפילו נאכן מקדיש זיין יעדע מינוט פון זיין לעבן נאר פארן גרויסן באשעפער,

א טאג נאכדעם איז דער צדיק נסתלק געווארן לגנזי מרומים, און מיטן הסתלקות פון דעם צדיק האט זיך אפגעשטעלט די מגיפה,

נסתלק לגנזי מרומים י״א תמוז בשנת תקצ״א, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט זידיטשוב,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## גרויסקייט פונעם יומא דהילולא פונעם הייליגען עטרת צבי,

דער הייליגער דברי יחזקאל משינאווא זי״ע האט געזאגט, אז ווער עס קען נישט זיין אין מירון ל״ג בעומר, זאל פארן קיין זידיטשוב און זיך משתטח זיין אויפן ציון קדשו פונעם הייליגען עטרת צבי זי״ע י״א תמוז, און ער וועט שפירן דעם זעלבן טעם ווי ל״ג בעומר אין מירון, אויך דער הייליגער מנחת אלעזר ממונקאטש זי״ע האט געזאגט, אז דער טאג י״א תמוז אין זידיטשוב איז אזוי ווי ל״ג בעומר אין מירון,

הרה״ק רבי מאיר׳ל מפרמישלאן זי״ע האט געזאגט, אז מען האט אויסגעריפען אין הימל, אז י״א תמוז זאל נישט רעגענען אין שטאט זידיטשוב כדי אידן זאלן קענען ארויפגיין צום ציון פונעם הייליגען עטרת צבי זי״ע אים געשטערט, און די הכרזה העלפט נאך עד היום הזה אין זידיטשוב און אויך אין די שטעט ארום זידיטשוב,

די מאמע די צדקת מרת הינדא ע״ה, איז געווען מפורסם מיט איר געוואלדיגע צדקות און ערליכקייט, זי האט דעם גאנצן טאג עוסק געווען אין מסחר און צו געהאלפן מיט די פרנסה אין שטוב, כדי דער מאן דער צדיק זאל קענען נאר עוסק זיין בתורה ועבודת השם, זי האט כסדר עוסק געווען מיט איר צדקה וחסד, זי האט אויף גענומען די געסט וואס זענען דורך געפארן דעם שטאט, און זיי געגעבען מיט א שמחה עסן און טרינקען,

אבער ביינאכט פלעגט די צדקת אויפשטיין און געוויינט מיט בכיות און געקלאגט אויף גלות השכינה און צרות ישראל, און אזוי האט זי אויך מחנך געווען איר הייליגע קינדער,

צדיקים האבן דערציילט, אז דער טאטע איז געווען א גאון אין הכנסת אורחים און צדקה וחסד, ער האט מקפיד געווען נישט צו עסן א סעודה אן האבן א גאסט ביים טיש, אבער איינמאל איז אנגעקומען א גאסט צום טאטן אין שטוב, און פונקט דאן האט דער צדיק עוסק געווען אין א מצווה פון פדיון שבויים, און דערפאר האט ער נישט געהאט קיין געלט צו קויפן עפעס צו מכבד זיין דעם גאסט,

די רעבעצין די צדקת ווען זי האט געזען דעם צער פון איר גרויסע מאן, אז ער קען נישט מכבד זיין א גאסט, איז זי שנעל געלאפן און געבארגט פון א שכן עסן, אז מען זאל קענען מכבד זיין דעם גאסט, האבן צדיקים געזאגט, אז דער גאסט איז געווען אליהו הנביא ז״ל, און ער האט דאן געגעבן א ברכה פאר די רעבעצין און איר הייליגע מאן, אז עס זאל ביי זיי געבוירן ווערן 5 קינדער צדיקים און קדושים, וואס זאלן באלייכטן די וועלט און די אויגן פון כלל ישראל,

עס ווערט דערציילט אז דער טאטע הרה״ק רבי יצחק אייזיק מסאפרין זי״ע האט זיך אויף דער עלטער אמאל

דערוועקט, און דער צדיק האט אנגעהויבן קרעכצן, האט אים די רעבעצין די צדקת הינדא ע"ה געפרעגט, פארוואס ער קרעכצט אזוי, האט דער צדיק מיט זיין גרויס עניוות געזאגט, מיר ווערן עלטער און מיר האבן נישט מיט וואס ארויף צו גיין אויפן עולם האמת.

האט די רעבעצין געענטפערט מיט חכמה, עס שטייט דאך אין פסוק (במדבר כ' י"ט) בַּמְסִלָּה נַעֲלֶה, וואס די ראשי תיבות פון דעם ווארט בַּמְסִלָּה באטרעפט די נעמען פון אונזער 5 הייליגע קינדער, און זייער זכות וועלן מיר קענען ארויף גיין גאר הויעך אין גן עדן צום עולם שכולו טוב.

הרה"ק רבי ישכר ב'עריש מזידיטשוב זי"ע,
הרה"ק רבי מ'שה בעל תפלה למשה מסאמבור זי"ע,
הרה"ק רבי אלכסנדר ס'ענדר בעל זכרון דברים מקאמארנא זי"ע,
הרה"ק רבי ל'יפא מסאמבור זי"ע,
הרה"ק רבי צבי ה'ירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע.

## מעשיות

ביים טיר פונעם הייליגען עטרת צבי זי"ע זענען געשטאנען א גרויסע שורה מיט אידן אריין צו גיין צום צדיק און זיך מזכיר זיין פאר ישועות, פלוצלונג קומט א איד אריין און זאגט, אז ער ברויך זייער וויכטיג אריין גיין צום רבין, האבן די אידן געזאגט, מיר ווארטן שוין דא דעם גאנצן טאג אריין צו גיין צום צדיק, און דו קומסט אן, און די ווילסט גלייך אריינגיין, קודם דערציילט אונז וואס איז אזוי וויכטיג, וועט מען זעהן צי מען דארף דיך אריינלאזן קודם.

האט דער איד דערציילט, איך וואוין אין א דארף, און איך האב ארויסגעדונגען אן ארענדע פון דעם פריץ, אבער פאר די לעצטע צוויי יאר זענען געווען גאר שווערע יארן, ווייל די תבואה איז נישט געוואקסן געראטן, במילא האב איך נישט געהאט קיין פארדינסט, און איך האב נישט געהאט קיין געלט צו באצאלן פארן פריץ.

ווען דער פריץ האט שטרענג פארלאנגט זיין אפצאל, האב איך מיך געבעטן ביים פריץ, אז ער זאל צו ווארטן אז דער מצב הפרנסה ביי מיר זאל בעסער ווערן, און ווען עס וועט זיין א גוטע שניט, וועל איך אים באצאלן דאס גאנצע געלט, אבער דער פריץ האט בשום אופן נישט געוואלט מסכים זיין, און מיר געגעבן א צייט פון צוויי וואכן, און אויב ביז צוויי וואכן ברענג איך נישט דאס געלט, וועט ער מיך מיט די גאנצע פאמיליע ארויסווארפן אויף די גאס.

בין איך געקומען צום רבין זיך מזכיר געווען אויף די צרה וואס ווארט מיך אפ און בעטן א ישועה, האט דער הייליגער רבי מיר צו געזאגט, "דער פריץ וועט דיר קיין שלעכטס נישט טוען", אבער ווען עס איז געקומען די לעצטע טאג פון די צוויי וואכן, בין איך געלעגן אין בעט און געווען גאר שטארק פאר'דאגה'ט און פארוויטאגט וואס עס וועט דא זיין.

פלוצלונג הער איך א קלאפ אויפן טיר, איך עפען די טיר און זעה א שליח פונעם פריץ, און ער זאגט מיר אז דער פריץ רופט מיר, ער האט עפעס וויכטיג צו דורך רעדן מיט מיר, קיין ברירה האב איך סיי ווי נישט געהאט, בין איך געגאנגען מיט שרעק אין מיט א צאפעליג הארץ צום פריץ, אבער ווען איך קום אן צום פריץ אין שטוב, טרעף איך דעם פריץ ליגן אין בעט, און דער פריץ ווייסט מיר ווי ער האט אויף זיין גוף צייכענעס פון שרעקליכע קלעפ, און ער האט געהאט וואונדען אויפן גאנצן גוף.

און דער פריץ פרעגט מיך, "ביסטו געווען ביי א ראבינער", און דערציילט מיר, אז די נאכט איז א דארער שווארצער איד צו מיר געקומען, (און ער האט אויסגעמאלן דאס געשטאלט פון דעם הייליגען עטרת צבי זי"ע), און האט מיר געזאגט, אז איך זאל דעם איד פון דעם ארענדע נישט קיין שלעכטס טון.

האב איך ביי מיר געטראכט, אז דאס איז נאר א חלום און זיך צוריק געלייגט שלאפן, אבער צוויי שעה שפעטער קומט דער איד נאכאמאל און זאגט מיר, "היט זיך און זיי געווארנט נישט צו טוען פאר דעם איד קיין שום שלעכטס", אבער איך האב ווייטער געטראכט אז דאס איז א חלום, און זיך בכלל נישט וויסענדיג געמאכט פון דעם חלום.

אבער דער איד קומט א דריטע מאל, און יעצט האט ער שוין גערעדט גאר שטרענג און מיר געזאגט, כדי די זאלסט נישט מיינען אז דאס איז א פשוטע חלום, דערפאר גיב איך דיר אזעלכע קלעפ, אז די זאלסט עס זעהן און שפירן ווען די וועקסט דיך אויף, אזוי וועסטו שוין נישט מיינען אז עס איז סתם א חלום, און אויב די

וועסט מיר נישט צוהערן די מאל, וועל איך צוריק קומען די קומענדיגע נאכט און דיך הרג'ענען, און דאס אלעם האט פאסירט יעצט ביינאכט.

זאגט דער פריץ צו דעם איד, זאלסט וויסן איך זאג דיר צו אז איך וועל דיר מער קיינמאל נישט קיין שלעכטס טון, אבער מער זאלסטו נישט גיין צו דעם ראבינער, פירט אויס דער איד, דערפאר בעט איך ענק, לאזט מיך אריין צום רבין, כדי איך זאל קענען דערציילן דעם וואונדערליכען מעשה.

אמאל איז דער הייליגער בני יששכר זי"ע געפארן אויף שבת צום מחותן קיין זידיטשוב, און ער האט מיט גענומען מיט זיך א חולה מסוכן, וואס די דאקטורים האבן זיך שוין ל"ע מייאש געווען פון אים, און געגעבן פאר דעם איד נאך אפאר שעה צו לעבן, האט דער בני יששכר גע'עצה'ט דעם איד, אז ער זאל מיט קומען קיין זידיטשוב און ארייננכאפן א ברכת קדשו פונעם הייליגען זידיטשובער רבי זי"ע.

ווען דער בני יששכר זי"ע איז אנגעקומען קיין זידיטשוב מיטן חולה, איז געווען פרייטאג נאכמיטאג, איז דער בני יששכר געגאנגען זיך טובל'ן אין מקו' לכבוד שבת קודש, און דער חולה איז געבליבן אין הויף פונעם הייליגען עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע.

בשעת דער הייליגער בני יששכר איז געגאנגען אין מקו', איז שוין דער זידיטשובער רבי געזעצן ביי זיך אין שטוב און געזאגט שיר השירים, און ווי באקאנט האט דער הייליגער עטרת צבי געהאט א גרויסע עבודה ביים זאגן שיר השירים יעדן ערב שבת, און ער האט נישט געלאזט קיינעם זאל אים דעמאלט שטערן.

דער חולה איז געווען זעהר פארצווייפלט פון זיין מצב הבריאות, און ער האט קיינעם נישט געפרעגט, נאר גלייך אריין אין שטוב ווי דער הייליגער עטרת צבי האט עוסק געווען אין זאגן שיר השירים, און ווען דער הייליגער עטרת צבי האט געזען אז איינער וויל צו אים רעדן, גיבט ער א זאג פאר דעם איד, "גיי שוין געזונטערהייט און זיי מיך נישט מבלבל פון מיין שיר השירים", דער איד האט נישט געהאט קיין ברירה און איז ארויס פונעם רבין'ס שטוב.

ווען דער הייליגער בני יששכר איז צוריק געקומען פון די מקו', האט ער געזען אויפן חולה'ס פנים, אז די צורה איז פארענדערט געווארן, און ער זעהט נישט אויס צו זיין קראנק, פרעגט אים דער הייליגער בני יששכר, וואס איז געשען מיט דיר, האט דער איד דערציילט די מעשה, און נאך געזאגט די ווערטער פונעם רבין, "גיי שוין געזונטערהייט".

גלייך האט דער בני יששכר מרגיש געווען, אז דער הייליגער צדיק דער עטרת צבי זי"ע, האט דא ממשיך געווען פאר דעם חולה א רפואה שלימה, און דער איד איז טאקע אינגאנצן געזונט געווארן, און נאך געלעבט איבער די הונדערט יאר, און דער הייליגער נאסוידער רב זי"ע האט נאך געקענט און גערעדט מיט דעם איד.

איינמאל איז א פרוי אריין געקומען צום הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, און זיך מזכיר געווען און געזאגט, "רבי, רבי, העלפט מיר מיט א ישועה", אזוי ווי דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט געהערט די ווערטער, האט ער געזאגט בזה"ל, "רבי, רבי איז געווען דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע", און ער האט דאס מסביר געווען, ווייל איך בין איינמאל געווען ביים הייליגען עטרת צבי ביי א מנחה ערב שבת קודש, וואס האט געקענט נעמען דריי שעה, איז דער צדיק דער עטרת צבי געשטאנען דריי שעה גלייך, אבער אלע ביינער זענען פאר דעם צדיק געווען צובראכן ברוחניות".

אמאל איז א איד געקומען צום צדיק הרה"ק רבי יששכר דוב מבעלזא זי"ע, און דער איד האט געוויזן פארן בעלזא רב, א פאר תפלין וואס ער האט בירושה פונעם הייליגען עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע, האט אים דער בעלזא רב געפרעגט אויב ער לייגט די תפלין, האט דער איד געזאגט, אז ווען ער געט זיינע תפלין צו בודק זיין, לייגט ער די תפלין פונעם הייליגען עטרת צבי פאר אפאר טאג.

האט דער הייליגער בעלזא רב געפרעגט דעם איד, די האסט נישט מורא צו לייגן אזאנע הייליגע תפלין, און דערציילט לגבי די קדושה פונעם הייליגען עטרת צבי, אז שוין ליל שישי האט דער הייליגער עטרת צבי זי"ע נישט בכלל געוויסט וואס עס טוט זיך אויף די וועלט, ווייל ליל שישי איז דער צדיק שוין געווען אזוי בדביקות אינעם קדושת השבת, אז ער איז געווען אינגאנצן אויס געטון פון דעם עולם הגשמי.

צום הייליגען צדיק רבי הערשעלע מזידיטשוב זי"ע איז אמאל געקומען א דארפסמאן מיט א פראגע, היות מען

טראגט אים אן צו דינגען א קרעטשמע אין זיין דארף, און דער קרעטשמע שטייט אויף א גאר גוטע פלאץ הארט נעבן א שייד–וועג וואו עס וואלט געדארפט זיין א גאר גרויסע פארקער, ווייבאלד דער וועג פירט צו דעם גרויסן מארק פלאץ,

נאר איין פראבלעם איז דא, אז אין דעם געגענט פון דעם קרעטשמע געפינט זיך נישט קיין וואסער, און דערפאר ניצן די סוחרים נישט דעם וועג צום מארק, נאר זיי גייען א אנדערן וועג ווי עס איז יא דא וואסער, אבער אויב וואלט דארט געווען א קוואל וואסער, וואלטן די סוחרים נאר גענוצט דעם וועג, און דאן וואלט די קרעטשמע געווען א גאר גוטע ארט פאר פרנסה,

האט דער הייליגער עטרת צבי געזאגט צו דעם איד, גיי דינג דעם קרעטשמע און די זאלסט גראבן א ברינעם דערנעבן, און ווען די וועסט האבן געגראבן עטליכע איילן טיף, זאלסטו צוריק קומען צו מיר אויף שבת קודש, וועל איך דיר דעמאלט זאגן וואס די זאלסט ווייטער טוען,

דער איד מיט זיין אמונת צדיקים איז אהיים געפארן און געטון ווי דער צדיק האט געהייסן, און ווייבאלד קיינער האט נישט געוואלט דינגען דעם קרעטשמע, צוליב וואס עס איז דארט נישט געווען קיין וואסער, האט דער איד געקענט באקומען דעם קרעטשמע פאר א גאר גוטן פרייז, און ער האט טאקע אפ געדינגען דעם קרעטשמע, און דאן זיך גענומען גראבן א ברונעם ווי דער רבי האט געהייסן, און נאכדעם געפארן צום רבין אויף שבת,

ווען דער איד איז נאך שבת קודש אריין צום רבין, האט דער צדיק געהייסן פאר דעם איד, אז ער זאל אהיים גיין און גראבן נאך אביסל, און דאן זאל ער אריינלייגען אונעם גרוב א צעטל וואס אויף דעם זאל שטיין דעם פסוק, וַיַּגִּדוּ לוֹ עַל אֹדוֹת הַבְּאֵר אֲשֶׁר חָפָרוּ וַיֹּאמְרוּ לוֹ מָצָאנוּ מָיִם,

דער איד איז אהיים געפארן און האט נאך אביסל געגעראבן, און דאן האט ער אריינגעלייגט דעם צעטל וואס די רבי האט אים געהייסן, און ווי נאר ער האט דעם צעטל אריינגעלייגט, האט אנגעהויבן קומען וואסער, און ביז א קורצע צייט איז די גאנצע גרוב געווען פול מיט וואסער,

און פון יענעם טאג האט דער וועג נעבן דעם קרעטשמע גענומען שפרודלען מיט דורכגייער, און די סוחרים האבן אנגעהויבן נאר ניצן דעם וועג צו פארן צום מארק, און אויך איינגעקויפט עסן און טרונקען און שטרוי פאר די בהמות, און דער איד איז געווארן א גרויסער גביר,

אבער ווען דער גוי וואס האט געהאט דעם קרעטשמע אויפן אלטען וועג איז געוואויר געווארן דערפון, איז ער אריבער צום פריץ דער אייגענטימער פון דעם איד'ס קרעטשמע, און מסביר געווען אז דער איד האט אים דא אפגענארט, און דער איד האט פון דיר ארויסבאקומען דעם קרעטשמע פאר גאר א ביליגע פרייז, און ער שארט דערפון גאלד, און געזאגט פאר דעם פריץ, איך וועל דיר באצאלן א בעסערן פרייז און פארדינג עס פאר מיר,

דער פריץ האט טאקע מסכים געווען און ער האט פארדינגען דעם קרעטשמע פאר דעם גוי, און דער איד האט זיך געמוזט אוועקציען פון דארט, און ער האט פארלוירען זיין פרנסה, איז דער איד צוריק צום צדיק דער הייליגער עטרת צבי און דערציילט וואס דא גייט פאר,

האט אים די רבי געהייסן, אז ער זאל שרייבן אויף א צעטל דעם פסוק, וְכָל הַבְּאֵרֹת אֲשֶׁר חָפְרוּ עַבְדֵי אָבִיו בִּימֵי אַבְרָהָם אָבִיו סִתְּמוּם פְּלִשְׁתִּים וַיְמַלְאוּם עָפָר, און דאס אריינווארפן אונעם ברונעם, דער קרעטשמע האט אזוי געטון, און באלד האט דער ברונעם אויסגעטריקענט, און עס איז מער נישט געווען דארט קיין טראפ וואסער,

ווען דער פריץ האט געזען וואס דא גייט פאר און געזען אז ער גייט דא פארלירען געלט, ווייל קיינער וועט מער נישט קומען צו דעם קרעטשמע, איז ער שנעל צוריק געלאפן צו דעם איד און אנגעבאטן צוריק צו געבן דעם קרעטשמע, אבער דער איד האט געזאגט, אז ער מוז קודם גיין פרעגן זיין רבין, און אזוי ווי דער רבי וועט אים זאגן וועט ער טון,

ווען דער איד איז צוריק געקומען צום הייליגען עטרת צבי און געפרעגט וואס ער זאל טון, האט אים די רבי געזאגט, גיי צוריק צו דעם פריץ און זאג אים, אז די וועסט צוריק נעמען דעם קרעטשמע, נאר אויב ער וועט דיר דאס געבן פארן זעלבן אלטן ביליגע פרייז וואס די האסט געצאלט בעפאר, און דאן זאלסטו אויף שרייבן אויף א צעטל דעם פסוק וַיַּחְפֹּר בְּאֵר אַחֶרֶת וְלֹא רָבוּ עָלֶיהָ וַיִּקְרָא שְׁמָהּ רְחֹבוֹת וַיֹּאמֶר כִּי עַתָּה הִרְחִיב ד' לָנוּ וּפָרִינוּ בָאָרֶץ, און דאס אריינווארפן אונעם ברונעם, און דאן וועט די וואסער צוריק קומען,

דער איד איז צוריק געפארן אהיים און דער פריץ האט נישט געהאט קיין אנדערע אויסוועג, און אים צוריק געגעבן דעם קרעטשמע פארן ביליגן פרייז, און דערנאך האט דער איד אריינגעלייגט דעם צעטל, און דאן האט די וואסער צוריק אנגעהויבן פליסען אין דעם ברונעם, און די ברכה האט זיך מער קיינמאל נישט אפגעטון פון דעם ברונעם, און דער איד האט געהאט שיין פרנסה פון דעם קרעטשמע.

דער איידעם הרה"ק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע האט דערציילט, איין נאכט איז מען געקומען מזכיר זיין ביים שווער דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע א מקשה לילד, און כדרכו בקודש איז דער הייליגער עטרת צבי זי"ע גלייך געלאפן זיך טובל'ן אינעם טייך, וואס דורך דעם האט דער צדיק געפועלט גרויסע ישועות,

איז דאס געווען אינמיטן א פראסטיגע קאלטע ווינטער נאכט, און דער צדיק האט געבראכן די אייז פונעם טייך זיך צו טובל'ן, אבער נאכדעם וואס ער האט זיך גע'טובל'ט, האט דער צדיק רח"ל נישט געקענט טרעפן דעם לאך אינעם אייז, וואס דאס איז דאך א גרויסע סכנה, האט אבער דער עטרת צבי גלייך מתפלל געווען, אז אפילו ער וועט ח"ו בלייבן אין טייך, זאל כאטש די מקשה לילד געהאלפן ווערן, בחסדי ד' האט טאקע דער עטרת צבי געטראפן די וועג ארויס פונעם טייך,

האט דער איידעם דער צדיק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע געזאגט, אז ער האט געמיינט אז זיכער איז די נשמה פון דעם קינד וואס איז דאן געבוירן געווארן מיט די טבילה פונעם צדיק, מן הסתם געווען א הויכע נשמה וואס וועט אויס וואקסן א מנהיג ישראל, אבער בכלל נישט, דער קינד איז אויס געוואקסן א פשוטע שניידער, ווייל ביים צדיק איז יעדע אידישע נשמה געווען א דיימאנט שטיין, און דער שווער איז געווען גרייט זיך מוסר נפש זיין פאר יעדן אידיש קינד,

הרה"ק רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע האט דערציילט, אז איין יאר יו"ט שבועות האט דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע גאר שטארק מאריך געווען מיט שחרית וואס האט גענומען 6 שעה, איז דארט געווען א חסיד א איד מיטן נאמען ר' יוסף, דער חסיד האט נישט געהאט קיין כוח צו שטיין ביים גאנצן שחרית פונעם רבין, איז דער איד געלאפן צו זיין אכסניא און קידוש געמאכט, און דערנאך איז ער צוריק געקומען מיט האלטן דעם עבודת הקודש פונעם רבין,

ביים מילכיגע סעודה האט דער חסיד געוואלט נעמען פון די מאכלים פון טיש, אבער דער גבאי האט אים נישט געוואלט געבן, האט דער חסיד ר' יוסף זיך אפ גערעדט און געזאגט, "ביים דאווענען איז דער רבי אונז מצער מיט א דאווענען פון 6 שעה, און ביים סעודה איז דער גבאי אונז מצער מיטן נישט וועלן געבן קיין עסן",

אזוי ווי דער הייליגער עטרת צבי זי"ע האט געהערט די ווערטער, האט ער געזאגט פארן חסיד, "יוסעלע, די ווייסט וואס עס טוט זיך ביי דיר אין שטוב, די האסט רח"ל צוויי קינדער וואס זענען שטארק קראנק, און איך האב מיך ביים דאווענען אומגעקוקט אויף זיי, זאג נישט ח"ו אז מיר זענען אייך מצער מיטן דאווענען", גלייך נאך יו"ט איז דער חסיד ר' יוסף אהיים געלאפן, און ער האט טאקע געהערט, אז ליידער זענען טאקע צוויי פון זיינע קינדער קראנק געווארן אינמיטן יו"ט, און זיין רבי דער הייליגער עטרת צבי האט די צוויי קינדער אויס געבעטן מיטן שחרית,

הרה"ק רבי אייזיקל מקאמארנא זי"ע און אויך דער צדיק הרה"ק בעל אמרי יוסף מספינקא זי"ע האבן דערציילט, אז דער רבי דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע האט דאך מייחד געווען יחודים נפלאים אויף יעדע זאך וואס ער האט געטון, האט דער צדיק דער עטרת צבי אמאל געזאגט בזה"ל, "אויב עס איך אמאל עפעס און איך בין נישט מייחד קיין יחודים, זאל דאס עסן בלייבן שטעקן אין האלז און איך זאל ח"ו דערשטיקט ווערן", דאס איז געווען דאס מסירת נפש פונעם צדיק, וואס האט אלעס אין לעבן געטון נאר לשם שמים פאר כבוד פונעם באשעפער,

איין יאר שמחת תורה איז דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע געווען אויף יו"ט ביי זיין גרויסן רבין דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, יענע יאר איז אויס געקומען, אז הושענא רבה איז געווען מיטוואך, און שמיני עצרת דאנערשטאג, און שמחת תורה פרייטאג, און נאך די גאנצע עבודת הקודש פונעם יו"ט, האט דער הייליגער עטרת צבי געדאווענט מנחה ערב שבת וואס איז געווען מנחה פון שמחת תורה, און כדי צו שעפן פרישע כוחות, האט זיך דער הייליגער עטרת צבי אראפ געלייגט נאך מנחה פאר א קורצע צייט,

אבער די שלאף פונעם עטרת צבי האט זיך פארצויגען, און ווען זיין רבי דער הייליגער חוזה מלובלין האט זיך געוואלט שטעלן דאווענען מעריב, האט ער געפרעגט די

נאנטע, ווי איז רבי הערשעלע, האט מען געזאגט פאר חוזה, אז רבי הערשעלע שלאפט, האט דער הייליגער חוזה מלובלין אן געזאגט, "ח"ו נישט אויף וועקן רבי הערשעלע, ער שלאפט גוט".

נאכן דאווענען ווען דער חוזה מלובלין האט געוואלט גיין עסן, האט ער זיך נאכאמאל נאך געפרעגט וואס רבי הערשעלע טוט, האט מען ווייטער געזאגט, אז רבי הערשעלע שלאפט, האט ווייטער דער חוזה געזאגט, אז מען זאל אים נישט אויף וועקן, ווייל ער שלאפט גוט, און אזוי איז דאס געווען אפאר מאל, ביז איינע פון די חסידים זענען אריין אינעם שטוב, ווי דער צדיק רבי הערשעלע דער עטרת צבי איז געשלאפן, און האט אים אויף געוועקט.

ווען מען איז געקומען דערציילן די גוטע בשורה פארן הייליגען חוזה, אז רבי הערשעלע איז שוין אויף געשטאנענ, האט דער הייליגער חוזה געזאגט מיט גרויס צער, "שוטה אחד מאבד טובות הרבה", ווייל דער צדיק רבי הערשעלע האט שוין געהאלטן אויף אזא הויכע מדרגה בעולם העליון, אז ער האט שוין אנגעכאפט דעם קלאמקע פונעם היכל פון משיח, און ווען מען לאזט אים ווען נאך אביסל שלאפן, וואלט דער צדיק רבי הערשעלע געקענט פויעלן די גאולה שלימה, אבער יעצט אז מען האט אים דערוועקט, האט מען אלעס געשטערט.

הרה"ק רבי אברהם שמחה מבארנוב זי"ע, וואס איז געווען אייניקל פונעם הייליגען דזיקובער זי"ע, האט דערציילט די מעשה וואס ער האט געהערט פון זיין זיידן הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע, אז אמאל האט זיך דער טאטע דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע דערוויסט, אז דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע איז זייער נישט געזונט, איז דער הייליגער ראפשיצער רב געפארן מבקר חולה זיין דעם צדיק מזידיטשוב.

ווען דער הייליגער ראפשיצער רב איז אנגעקומען קיין זידיטשוב, איז ער גלייך אריבער צום שטוב פונעם עטרת צבי כדי צו זען וואס דער צדיק מאכט, אזוי ווי ער קומט אריין, זעט ער דארט דעם משמש וואס מען האט געשטעלט צו זיך אפ געבן מיט עטרת צבי, ווי דער משמש שלאפט, און דער הייליגער ראפשיצער רב האט ארום געזיכט דעם עטרת צבי, אבער ער האט דעם צדיק נישט געטראפן ביי זיך אין שטוב, ווען דער משמש האט זיך דערוועקט און געזען אז דער עטרת צבי איז נישט אין בעט, האט ער זיך זייער דערשראקען, ווייל דער דאקטאר האט געהאט אן געזאגט, אז דער צדיק זאל בשום אופן נישט ארויס גיין אין אזא מצב.

דער הייליגער ראפשיצער רב און דער משמש האבן ארום געזיכט דעם עטרת צבי פאר א שטיק צייט, און לפלא האבן זיי געטראפן דעם צדיק דעם עטרת צבי ווי ער ליגט אינעם טייך ביז צו די קאפ, און ער איז עוסק בתורת הנסתר, וואס ווי באוויסט האט דער צדיק זיך גאר אסאך מסגף געווען, און פלעגט זיך גיין טובל'ן אינעם פראסטיגען טייך, דער ראפשיצער רב האט נישט געוואלט שטערן דעם צדיק בשעת ער איז עוסק אין די הייליגע זאכן, אבער ער האט זייער מורא געהאט פארן רבי'ן'ס געזונט.

נאך א שטיק צייט ווען דער הייליגער עטרת צבי האט באמערקט דעם הייליגען ראפשיצער רב, האט ער מקבל פנים געווען מיט א שמחה און א שמייכל און זיך זייער געפרייט צום חשובען גאסט, האט דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע זיך איינגעבעטן ביים עטרת צבי, אז אזוי ווי די רבי איז דאך נישט געזונט יעצט, איז דאך ממש א סכנה צו זיין אינעם קאלטן טייך, ווייל מען קען זיך נאך זייער פארקילען, און עס איז דאך דא א מצוה אין די תורה פון ונשמרתם מאוד לנפשותיכם.

האט דער הייליגער עטרת צבי זיך צושמייכלט און געזאגט פארן הייליגען ראפשיצער רב, ראפשיצער רב לייגט אריין די האנט אינעם טייך עס איז בכלל נישט קאלט, דער ראפשיצער רב האט טאקע אריין געלייגט די האנט אינעם טייך, האט דער ראפשיצער רב געזאגט, אז דאס וואסער איז געווען ממש הייס דארט ווי דער צדיק איז געזעצן, ווייל דער צדיק מיט זיין קדושה האט דעם וואסער אן געווארמט, אבער דאן האט דער עטרת צבי געזאגט, חז"ל זאגן דאך מצוה לשמוע דברי חכמים, און אויב איר ראפשיצער רב הייסט ארויס גיין וועט מען ארויס גיין.

רבי לייזער איז געווען פון די אנגעזעענסטע חסידים ביים צדיק הרה"ק רבי הערשעלע זידיטשובער דער הייליגער עטרת צבי זי"ע, אויסער זיין חשיבות אלס איינער פון די עלטערע חסידים אין די חבריא און זייענדיג פון די נאנטע מקורבים ביים רבי'ן, איז ר' לייזער אויך געווען באזונדערס באליבט צווישן די זידיטשובער חסידים אדאנק זיין באגאבטער שטימע מיט וועלכע ער פלעגט שטענדיג מהנה זיין אין הויף.

א פורים אין הויף מיט ר׳ לייזער אין שפיץ פון די מנגנים האט דאך געמוזט זיין עפעס לעילא ולעילא, אבער נישט אזוי איז עס געווען דעם יאר, תענית אסתר ביינאכט באלד נאכ׳ן אויס פאסטן, ווי נאר די חברייא איז זיך צוזאמען געקומען זיך צו פרייען אינאיינעם, האט מען זיך דערוואוסט די נייעס, אז ר׳ לייזער ליגט אין בעט פארשלאפט און דער מצב ערגערט זיך ר״ל יעדע מינוט,

רבי הערשעלע זידיטשובער, דער רבי, זיצט ביי זיך אין שטוב ווי געווענטליך, די חסידים האבן שוין אפי׳ פרובירט אנצוקלאפן ביי זייער רבי׳ן הרה״ק רבי הערשעלע און מזכיר זיין דעם חולה, דער רבי מאכט זיך אבער נישט צוטון פון די יללות, ער שווייגט, און די חסידים לויפן מיואש׳דיג אריין און ארויס פון ר׳ לייזער׳ס שטוב וואו ער ליגט א חולה מסוכן, דער פורים אין זידיטשוב זעט אויס א פארשטערטער,

מארגן, פורים פארנאכט, פארזאמלען זיך די חסידים צום טיש פון רבי׳ן, די הערצער זענען פארקלעמט, אבער קיינער האט נישט קיין קשיות אויף׳ן רבי׳נס הייליגע התנהגות, אלס וואס מען פרובירט, איז נאכאמאל מזכיר צו זיין און דערמאנען דעם רבי׳ן, איבער רבי לייזער׳ס געפערליכע צושטאנד אין וועלכע ער געפונט זיך שוין זייט נעכטן ביינאכט,

ענדליך קערט זיך רבי הערשעלע צו די געבעטן פון זיינע חסידים, און ער הייסט מ׳זאל ברענגען רבי לייזער צום פורים סעודה, רבי לייזער ליגט רח״ל ווי א גוסס אין בעט, און וואקלט זיך בין מות לחיים, די חסידים פרעגן אבער נישט קיין קשיות און מ׳ברענגט אים צו שלעפן אין זיין קראנקן בעטל אזוי ווי דער רבי האט געהייסן,

דארט ביים הייליגען עטרת צבי זי״ע האט געדינט אלס פורים רב, דער חסיד וצדיק רבי קאפיל מרודניק זי״ע, וואס איז געווען מפורסם מיט זיינע גאר וואונדערליכע ישועות ביום הפורים ביי זיין גרויסן רבין דער עטרת צבי זי״ע, און דער רבי ווענדט זיך צום משמש רבי קאפל און זאגט אים קלארע דיבורים, "הייב אויף דיינע הענט און גיב דעם חולה א שטארקן קלאפ אויף ביידע זייטן",

די חסידים זענען אלע געשטאנען, און מיט שפאנונג געווארט ווי רבי קאפל וועט ערליך אויספירן דעם רבי׳נס רצון, הרה״ק רבי הערשעלע האט אים מזרז געווען און געזאגט, איך ווארן דיך אן דו זאלסט צו גיין צו דעם קראנקן רבי לייזער און אים גוט אנשלאגן, פאר די אידן ביים טיש איז דאס געווען א אים פארשטענדליכע זאך, פארוואס הייסט די רבי שלאגן דעם חולה מסוכן, אבער אויף זייער הייליגען רבין פרעגן זיי נישט קיין שאלות,

מיט יראת הכבוד אויסצופירן זיין רבי׳נס באפעל איז רבי קאפל צוגעטרעטן צום בעטל וואו דער חולה רבי לייזער איז געלעגן, ער האט אויף געהויבן זיין ארעם און אראפ געלאזט ר׳ לייזער׳ן א פארציטערטן פראסק און דאן נאך איינס, פונקטליך ווי דער רבי האט אים געהייסן, דאן האט דער רבי זיך אנגערופן צו ר׳ לייזער, דו זאלסט נישט פארגעסן צו קומען צו מיר מארגן נאכמיטאג צו עסן אינאיינעם מיט מיר מיטאג,

באלד נאכדעם האבן די חסידים אויף געהויבן דאס בעטל פון רבי לייזער און צוריק געטראגן צו זיין שטוב, עס איז נישט אריבער קיין סאך צייט און ס׳האט זיך גענומען ווייזן ביי רבי לייזער קלארע סימנים פון לעבן, און צוביסלעך האט ער געעפענט די אויגן, גענומען זיך רירן, און ביז א קורצע צייט איז ער שוין ממש געווען אינגאנצן ביי זיך,

אינדערפרי איז ער שוין געווען ביי די כוחות, און ער איז געקומען דאוונען ביים מנין פון זיין רבי׳ן ר׳ הערשעלע, און אויף מיטאג האט ער זיך שוין געוואשן צוזאמען מיט׳ן צדיק פונקט ווי הרה״ק רבי הערשעלע האט אים אן געזאגט א נאכט פריער, די חסידים וואס האבן דאס באגעוואוינט זענען דערשטוינט געווארן צוזעענדיג אן אפענע תחיית המתים פון זייער גרויסן רבין דער הייליגער עטרת צבי זי״ע.

דער חסיד רבי קאפל מרודניק איז געווען א שטארק געבויעטער מענטש, הויך מיט אסאך כוחות, ער איז געווען פון די כלי-קודש אין זידיטשובער הויף, א פלימעניק פון רבי׳ן און אליינס א רב אין קהילת רודניק, נאר ער איז געווען א משמש בקודש ביי רבי הערשל׳ען, און אין הויף האט מען דערציילט פארשידענע "וואונדערליכע ענינים" איבער רבי קאפל, איינס פון די מערסט באקאנטע סיפורים וואס מ׳האט דערציילט וועגן רבי קאפל, האט פאסירט טאקע אין סאמע טאג פורים,

געווען איז עס ווען אידן האבן געליטן פון פארשידענע גזירות רעות, צווישן זיי איז אויך געווען די הויעכע שטייערן וואס די רעגירונג האט געלייגט אויף די פלייש און אויף די לעבט, הרה״ק רבי הערשל׳ע זידיטשובער

זי"ע גלייך ווי די אנדערע צדיקי הדור, האט שטענדיג פארלייגט כוחות, אפצושטופן די גזירות מיט וואס ער האט געקענט, באזונדערס שווער האט דער צדיק פארארבעט איבער די גרוויזאמע גזירה, וואס איז אן געגאנגען אין יענע תקופה פאר לאנגע יארן, די גזירה פון נעמען אידישע קינדער אין מיליטער.

יענעם יאר פורים האט רבי קאפל, ווי דער מנהג ישראל אין יענע מקומות איז געווען, זיך פארשטעלט ווי א קעניגליכער מיניסטער, ער האט איינגעשפאנט אין די מלוכה עטליכע פון די גרויסע חסידים וועמען ער האט פארשטעלט אלס זיינע באגלייטער, און אזוי האט ער זיך ארויס געלאזט, אין באגלייטונג פון דעם מלכות'דיגע סוויטע, צום הויף פון רבי'ן רבי הערשעלע זידישטובער דארט משמח צו זיין.

אין רבי'נס חצר האט מען אים ענטפאנגען מיט גרויס כבוד, אויך הרה"ק רבי הערשעלע האט אים צו געטיילט כבוד מלכים גלייך ווי מ'נעמט אויף אן אמת'ער קעניג, מיט גרויס ערנסטקייט האט דער רבי ר' הערשעלע גענומען 'שתדלן' ביי אים, ער זאל אראפנעמען פון אידישע קינדער די גזירה פון די לעכט און פלייש שטייערן, און רבי קאפל האט זיך טאקע באלד אונטער געגעבן און ער האט אפגע'חתמ'ט א געזע'ץ, וואו ער איז מבטל די שטייערן.

ווייזט זיך אויס אז עס איז טאקע געווען אן עת רצון, ווייל דער רבי האט ווייטער פארפירט ביים "מיניסטער" רבי קאפל, ער זאל צונישט מאכן אנדערע בלבולים פון אידן, אויף וואס רבי קאפל האט אלס מסכים געווען און האט אראפגעריקט פארשידענע קטרוגים פון אידישע קינדער.

כאטש עס איז געווען פורים, האט אבער אין שטוב, ביי רבי הערשעלע, געהערשט א גרויס ערנסקייט, איבערהויפט ווען דער רבי האט צום לעצט צוגעטרעטן צום גזירה פון די מיליטער, און ער האט גענומען איינבעטן רבי קאפל זאל אויך דעם גזירה אפרופן, ווי ערשטוינט זענען אבער די אנוועזנדע מקורבים געווארן, ווען דאסמאל האט רבי קאפל קאטעגאריש זיך אנטזאגט פון פאלגן דעם רבי'נס בקשה.

א לאנגע און שווערע ויכוח איז פאר געקומען צווישן דעם רבי'ן און זיין פארשטעלטער חסיד, וועלכער האט שוין דאן געהאלטן ווייט נאך עד דלא ידע, דער רבי האט געבעטן און אויך געווארנט רבי קאפלען, ר' קאפל האט זיך אבער עקשנות'דיג געהאלטן ביי דאס זייניגע און אזוי איז עס געבליבן.

הרה"ק רבי הערשעלע האט איבער געלאזט רבי קאפלען אין גרויס אויפרעגעניש, און אפי' נישט געוואלט מער קוקן אים אין פנים גאנ'ץ פורים, די חסידים האבן נישט פארשטאנען וואספארא פארבארגענע כוונות דער רבי האט דערביי, אבער נאכמער האבן זיי נישט פארשטאנען פארוואס דער גרויסער חסיד רבי קאפל מאכט זיך נישט וויסנדיג פון דעם רבי'נס תחנונים, אויך זיי האבן מיט גוטן און בייזן פרובירט צו באווירקן רבי קאפל, אבער רבי קאפל איז ארויס דער זיגער, ער האט נישט אונטער געשריבן קעגן דעם גזירה.

אויפצומארגנ'ס ווען רבי קאפל איז שוין געווען אויסגעניכטערט פון די שווערע וויין וואס ער האט געטרינקען אים פורים, און די חסידים האבן אים דערציילט איבער'ן געפעכט וואס ער האט געהאט נעכטן מיט'ן רבי'ן, האט רבי קאפל געצויגן מיט די פלייצעס, ווייל ער האט נישט געדענקט און געוואוסט פון די גאנצע מעשה צו זאגן.

דער יאר איז אדורך, און אידן האבן געזען גרויסע ישועות, דער גזירה פון די לעכט שטייערן און אויך די גזירה פון די פלייש שטייערן, זענען בטל ומבוטל געווארן בעפרא דארעא, נאר דער הארבער גזר-דין דער גזירה פון נעמען אידישע קינדער אין מיליטער, דאס איז געבליבן הענגען איבער אידן נאך פאר לאנגע יארן.

הערשט דאן האבן חסידים פארשטאנען וואס ס'איז דעם רבי'ן ר' הערשעלע זידיטשובער אזוי געגאנגען אין לעבן, אז רבי קאפל זאל איינגיין מבטל צו מאכן אויך די גזירה, דער מעשה איז שוין גארנישט געווען קיין פורים שפיל, רבי הערשעלע זידיטשובער האט פרובירט אין דעם עת-רצון אפצושרייען אויך דער ביטערער גזירה, ס'איז אבער נאכנישט געווען באשערט, רבי קאפל איז אבער געווען שטארק מקורב ביים רבי'ן און רבי הערשעלע האט זיך טאקע אסאך באנוצט מיט אים אויסצופירן זיינע הייליגע מופתים.

עס ווערט געברענגט, אז דער צדיק וקדוש רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע האט כסדר געזאגט, אז ער איז א תלמיד מובהק פון התנא האלוקי רבן שמעון בר יוחאי זי"ע, און ער האט אמאל געשיקט א תלמיד

זיינער קיין מירון, און דער צדיק האט מיט געשיקט א גאנצע פעקל פון זיינע הייליגע דברי תורה אויפן דרך פון זוהר, און עס איז געווען אונטער געשריבן "תלמידך צבי בן הינדא".

און דער תלמיד האט דערציילט, אז דארט ביים ציון קדשו אין מירון, איז ארויס געקומען א האנט פון פייער, וואס האט איבער גענומען די פעקל דברי תורה, און דארט איז עס געבליבן נגנז, און צדיקים האבן אויף דעם געזאגט די פסוק גדלו לד' אתי, וואס גדלי לד' איז ר"ת ל"ג בעומר, און דאס ווארט איתי איז ר"ת י"א תמוז, און צדיקים האבן געזאגט, אז אויב קען מען נישט אנקומען קיין מירון ל"ג בעומר, קען מען אויך גיין צום תלמיד קיין זידיטשוב.

דער הייליגער עטרת צבי, איז אמאל געווען אויף שבת אויף א פלאץ, ווי ס'האט דארט געהאנגען א וואנט זייגער, וואס ווי אסאך זייגער'ס אין יענע צייט, פלעגט דאס געבן א קליין קלינגג יעדע פופצן מינוט, און ווען ס'איז געווארן א קיילעכיגע שעה, האט דאס געקלינגגען אפאר קלינגעס לויט וויפיל א זייגער ס'איז, למשל 5 א זייגער האט דאס געקלאפט פינעף מאל.

ביי שלש סעודות ווען דער הייליגער עטרת צבי האט געהאלטן אינמיטן תורה זאגן, האט דער זייגער גענומען קלאפן, און ס'האט געשטערט דעם עטרת צבי, האט ער זיך אנגערופן, "שָא דרך ארץ", און דער זייגער איז זאפארט שטיל געווארן, און ווען דער הייליגער עטרת צבי זי"ע האט געענדיגט תורה זאגן, וואס האט גדויערט אפאר שעה!, האט דער זייגער אפגעקלאפט אלע קלאפעס וואס ער האט פארפעלט צו קלאפן במשך די גאנצע צייט פון די תורה זאגן.

ווען דער הייליגער דברי יחזקאל משינאווא זי"ע האט געהערט די מעשה, האט ער דאס מורא'דיג באוואונדערט און געזאגט, מילא אפשטעלן דעם דומם, דאס האט מען נאך געזעהן, אבער דער דומם זאל זיך איינהאלטן און שפעטער אפקלאפן אלעס וואס ער האט פארפעלט, דאס איז עפעס געוואלדיג עד למאוד.

עס איז באקאנט וואס עס ווערט געברענגט אין ספר חמדה גנוזה, אז דער צדיק רבי צבי הירש מזידיטשוב זי"ע איז געווען א עני ואביון אויף א שרעקליכען פארנעם ממש אין לשער, און ער האט זיך איינמאל אויס געדרוקט בזה"ל, "רבוש"ע נאך ווי לאנג וועל איך ליידן אזא עניות", אבער לפלא תיכף ווען ער האט דאס געענדיגט זאגן, האט ער געשפירט עפעס ליגט אים אין זיין טאש, האט ער אריין געלייגט זיין האנט אין טאש, און געטראפן א הערליכע דיימאנט שטיין, אזוי גרויס ווי א ביצה.

איז דער הייליגער עטרת צבי זי"ע דאן געפארן קיין לעמבערג צו א סוחר פרעגן וויפיל די שטיין איז ווערד, האט אים די סוחר געזאגט אז גאנץ עסטרייך, מיט אלע חפצים וואס ליגט אין עסטרייך איז נישט גענוג ווערד צו קויפען די הערליכע טייערע דיימאנד שטיין.

האט דער הייליגער עטרת צבי זי"ע געטראכט, אז בעפאר ער נעמט די שטיין פאר זיך, וועט ער פרעגן און הימל אויב ער זאל עס טאקע נעמען, האט מען אים געענטפערט, אז פון הימל זאגט מען אים נישט וואס צו טוהן, האט רבי צבי הירש געפענט זיין פענסטער אינדערפרי, ווען קיינער איז נאכנישט געווען אויפן גאס, און ארויס געווארפן די שטיין, און עס איז געווארן צופיצעלט אויף טויזענטער שטיקלעך, האט מען אים מודיע געווען פון הימל אז די שטיין קומט פון די צוועלעף שטיינער פונעם חושן פונעם כהן גדול, קדושתו מי ישיגנה.

הרה"ק רבי ישראל צבי ראטענבערג בעל האור מלא מקאסאן זי"ע וואס איז געווען א אייניקעל פונעם הייליגען עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע האט דערציילט, אז דער הייליגער עטרת צבי האט משמש געווען אסאך צדיקי הדור בעלי רוח הקודש, איינע פון די צדיקים איז געווען דער צדיק וקדוש רבי זאב וואלף מזבאריז זי"ע וואס פון דעם צדיק האט דער עטרת צבי אסאך געשעפט תורה ועבודת השם און קדושה, און יעדעס מאל דער הייליגער עטרת צבי זי"ע איז געקומען, פלעגט ער איינשטיין ביים רבין אין שטוב און עסן ביים רבין די סעודות.

איינמאל ווען ער איז דארט געווען אויף שבת ביי זיין רבין, איז געווען שבת קודש ביי שחרית און עס האט אנגעכאפט א שרעקליכע שוואכקייט פארן הייליגען עטרת צבי זי"ע, און ער האט געוואלט עפעס טועם זיין, האט ער געטראכט אז ער וועט שויןווארטן ביז מען ענדיגט דאווענען.

אבער גלייך נאכן דאווענען האט זיך די רבי דער צדיק וקדוש רבי זאב וואלף מזבאריז זי"ע געשטעלט זאגן

תהילים מיט א געוואלדיגע התלהבות און דביקות, האט דער הייליגער עטרת צבי געטראכט, אז גלייך נאכן תהלים וועט שוין דער רבי קידוש מאכן, אבער ווען די רבי האט גענדיגט תהילים האט ער גלייך אנגעהויבן נאכאמאל תהלים,

בלית ברירה איז דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע, ארויס געלאפן אויף די גאס, און געזיכט א שטוב ווי ער קען קידוש מאכן און טועם זיין עפעס, אבער דער שטעטל זבאריז איז געווען א ארים שטאט, און יעדער האט שוין געהאלטן נאך קידוש און שוין געהאט אפגעגעסן דאס ביסל עסן וואס זיי האבן פארמאגט, און ער האט נישט געקענט טרעפן ווי צו קידוש מאכן,

ביז ער איז אנגעקומען ביים עק שטאט ווי עס האט געוואוינט א איד, וואס האט ליידער נישט געהאט קיין קינדער, און זיי האבן געהאט אביסל וויין און געקנעטענע קוגל, און מען האט אים דארט מכבד געווען, און דער צדיק דער עטרת צבי האט זיך מיט דעם דערכאפט דאס הארץ, און ער האט די מאן און ווייב געבענטשט מיט ברכות און געזאגט "גבורות גבורות",

נאכדעם איז ער שנעל צוריק געגאנגען צו זיין רבין, און געווען זיכער אז די רבי האלט נאך אינמיטן זאגן תהילים, אבער ווען ער קומט אריין זעהט ער, ווי די רבי האלט שוין אינמיטן די טיש, האט ער זיך געוואונדערט צו זיך ווי אזוי קען זיין אז די רבי האט אזוי שנעל גענדיגט די צווייטע מאל תהלים, האט אים די צדיק מזבאריז זי"ע געזאגט, איך וועל דיר פארציילען וואס דא איז געווען,

די שטוב וואס די ביסט געווען דארט יעצט עסן, זענען ליידער נאכנישט געהאלפן געווארן מיט זש"ק, און זיי האבן געברויכט אנקומען צו דיר, אז די זאלסט זיי בענטשן און ברענגען די ישועה, אבער איך האב דיר דאס נישט געקענט מגלה זיין, און דערפאר האט דער רבוש"ע געפירט אז די זאלסט קומען אויף שבת, און עס זאל דיר אנכאפן א שוואכקייט ביים דאווענען, כדי די זאלסט אנקומען צו דעם שטוב און דארט איבער לאזן דיין ברכה,

אבער נאכן דאווענען ווען איך האב געזען אז די ביסט נאכנישט געגאנגען, האב איך אנגעהויבן זאגן תהילים, און ווען איך האב גענדיגט תהילים, האב איך געזען אז די ביסט נאכאלטץ נישט געגאנגען, האב איך געמיזט אנהייבן נאכאמאל תהילים, ביז די ביסט ארויס פון ביהמ"ד, וואס דאן האב איך געקענט גיין עסן די סעודה, און דורך דעם וואס די ביסט געווען ביי די שטוב און געגעסן די קוגל און זיי געבענטשט, וועלן זיי בקרוב געהאלפן ווערן מיט א קינד.

איינמאל ווען דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע איז נישט געזונט געווארן, און דער צדיק איז געווען און א גרויסע סכנה, און שפעטער ווען דער צדיק דער הייליגער עטרת צבי זי"ע איז געזונט געווארן, האט דער צדיק געזאגט, אז דריי צדיקים האבן אים אויס געבעטן, און איינע פון די איז געווען דער הייליגער ישמח משה מאוהעל זי"ע,

דערפאר איז דער עטרת צבי זי"ע געפארן קיין אוהעל, צו באדאנקען דעם ישמח משה פארן אים אויס פויעלען א רפואה, יענעם שבת קודש איז אויס געקומען א שבת שחל בו תשעה באב, און דער הייליגער ייטב לב זי"ע האט זייער געבעטן דעם טאטן, אז ער זאל פארבעטן דעם עטרת צבי אז ער זאל בלייבן ביי זיי אויף שבת קודש,

אבער דער הייליגער ישמח משה וואס האט געוויסט, אז דארט אין אוהעל וואוינען אסאך מתנגדים, און ער האט געוויסט אז דער עטרת צבי פארציט זייער דעם שבת קודש ביז שפעט אין די נאכט, און וויבאלד מוצאי שבת ווערט דאך תשעה באב, האט דער ימשח משה מורא געהאט אז די מתנגדים וועלן פארפירן אז מען זינגט ווייטער די ניגונים פון שלש סעודות, און דערפאר האט דער ישמח משה געבעטן דעם זון דער ייטב לב, אז ער זאל פארן מיטן עטרת צבי צו א נאנטע שטאט, און דארט זאלן זיי אפ רעכטן דעם שבת, אבער נאך שבת האט דער הייליגער ישמח משה חרטה געהאט, אז ער האט פארפאסט דעם שבת,

דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע האט געהאט א גרויסע מדרגה, אז אויב א איד איז געקומען און זיך באקלאגט אז דער פריץ טוט מיט אים רשעות, ווי למשל העכערן די רענט פון די קרעטשמע אויף א דראסטישע אופן, ווי טייל פון די פריצים פלעגן פשוט מיט רשעות ארויס ציען גרויסע סכומים פון די אידישע ארענדעס,

פלעגט דער הייליגער עטרת צבי זי"ע זאגן פאר דעם איד בזה"ל, "איך פארדינג דיר די קרעטשמע פאר כך וכך", און לפלא אזוי ווי דער צדיק האט געזאגט פלעגט טאקע זיין, און ווען די אידן זענען געקומען צום פריץ צו באנייען דעם קאנטראקט, פלעגט דער פריץ איינגיין אויף דעם

ביליגן פרייז וואס דער הייליגער עטרת צבי האט באשטימט,

מאכט זיך א פאל ווען א איד קומט צום הייליגען עטרת צבי זי"ע, און באקלאגט זיך אויף זיין פרייז, אז ער וויל פון אים א גרויסע הוספה אויפ'ן קומענדיגען יאר, און ער קען זיך נישט קיין עצה געבן, ווייל דער פריערדיגער פרייז איז אויך שוין זעהר אסאך, און אוודאי צו באצאלן אזא גרויסע העכערונג איז נישט מעגליך, זאגט אים דער הייליגער עטרת צבי זי"ע, "א קליינע הוספה זאלסטו אים יא געבן", זאגט דער איד, אז דער רבי הייסט וועל איך געבן", נעמט דער עטרת צבי אביסל ברוינפן מיט מזונות און מאכט א לחיים אויף דעם מקח, און זאגט פאר דעם איד, "ווען דו וועסט אהיימקומען, זאלסטו גיין צום פריץ און אים זאגן, אז איך האב דיך פארדונגען די ארענדע פאר דעם דאזיגן פרייז",

דער איד, וואס האט געהאט אמת'דיגע אמונת צדיקים האט געפאלגט, און ווען ער איז אהיים געקומען, איז ער אריין צום פריץ, און אים געזאגט, "איך האב געדינגען די ארענדע ביים זידיטשובער ראבינער פאר דעם פרייז", ווען דער פריץ האט דאס געהערט, איז ער געווארן שרעקליך אויפגעברויזט, עס האט זיך אין אים אנגעצונדן זיין כעס, און ער האט געקריצט מיט די ציין און געשריגן, "וואס, דער זידיטשובער וועט פארדינגען מיינע גיטער, א פרעמדער מענטש זאל פארדינגען מיינע פעלדער", אבער בשעת'ן זיך רעגן האט אים אנגעכאפט א שרעק, און ער פרעגט דעם איד, "פאר וויפיל געלט האט דיך דער ראבינער פארדינגען די גיטער" האט דער איד געזאגט דעם סכום,

דער פריץ האט דאך נישט געקענט אראפשלונגען זיין דורכפאל, וויבאלד ער האט זיך זעהר געשעמט אז דער ראבינער טוט אזוי וואס ער וויל מיט זיינע פעלדער, זאגט ער פאר דעם איד, "איך וועל דיר געבן מיט צוויי הונדערט ביליגער ווי דיין ראבינער האט געזאגט, זאל דיין רבי זען ווער עס האט צו שאפן איבער מיינע פעלדער, צי ער צי איך!", דער איד האט נאך באקומען די ארענדע ביליגער ווי דעם פריערדיגן יאר, וואס סיי דער איד און סיי רבי הערשל'י האבן דערפון שטארק הנאה געהאט,

דער לעמבערגער רב, דער באוואוסטער וועלטס גאון רבי יעקב אורנשטיין בעל ישועות יעקב זי"ע, האט אמאל געפרעגט דעם צדיק רבי הערשל'י זידטשויבער זי"ע, "זידיטשויבער רבי! נאכוואס פארט איך קיין לובלין צום רבי'ן, איך ווייס דאך אז לערנען דארפט איר זיך נישט נעמען פון קיין צווייטן, און אויב מקבל זיין דברי מוסר ויראת שמים, איז דאך דא א תורה שלימה פון מאמרי חז"ל זהר הקדוש, און ספרי מוסר, פארוואס דארפט איר פארן ביז לובלין אויף דעם, וואס איז א גרויסע טירחא און איז גורם אסאך ביטול תורה",

האט אים דער הייליגער עטרת צבי געענטפערט, "איך ווייס אז איר זענט א בקי אין מסכת עירובין, און איר קענט זיך אויס אין די ציורים פון די אלע "מבואות" וואס ווערט אזוי פיל גערעדט אין די מסכתא, אבער אויב וועט איר הערן, אז אין יענע שטאט געפינט זיך א "מבוי כצורתו וכהלכתו", אויס געשטעלט טאקע פונקט אזוי ווי עס איז געווען בימי חכמי הש"ס בכל פרטיה ודקדוקיה, דאן וואלט איר זיך זיכער מטריח געווען און אהין געפארן זען דעם מבוי, כאטש איר ווייסט און קענט פונקטליך די ציורים וויאזוי א מבוי האט אויס געזען, ווייל סוף כל סוף איז דאך "אינו דומה שמיעה לראיה",

דאס זעלבע פירט אויס דער הייליגער עטרת צבי זי"ע איז דער ענין פון מיינע נסיעות צו צדיקי הדור, אמת אז מיר האבן א תורה הקדושה, ש"ס און מדרשים, זהר און ספרי מוסר, אבער סוף כל סוף איז דאס נאר בכתב, אבער אז איך קען זען די תורה שלימה אין די הייליגע צדיקי הדור וועלכע זענען "לעבעדיגע ספרי מוסר", זאל איך נישט פארן צו זיי,

איין ערב שבת קודש צופרי האט מען געברענגט א שאלה צום צדיק הרה"ק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע, א איידעם פונעם הייליגען עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע, אויף א בהמה וואס מען האט געטראפן א נאדל אין די בני מעיים פון דעם בהמה, נאכדעם וואס דער צדיק רבי יהודה צבי זי"ע האט דורך געטאן דעם שאלה, האט ער גע'פסק'נט להלכה אז די פלייש איז כשר אן קיין שום פקפוק,

אבער שפעטער אפאר שעה בעפאר דעם זמן פון שבת קודש, ווען ער האט זיך נאכאמאל מתבונן געווען אין דעם שאלה, האט ער געטראכט אז עס איז ליידער ארויס געקומען א גרויסע מיכשל ח"ו דורך אים, ווייל באמת איז די פלייש נישט געווען כשר נאר ח"ו טריפה,

דער צדיק האט גלייך געוואלט שיקן זיין גבאי אז ער זאל גיין אן זאגן אז מען זאל די פלייש נישט עסן ווייל עס איז

דא א חשש אז עס איז טריפה, אבער וויבאלד ער האט קיינמאל גארנישט געטון, אן זיך קודם דורך רעדן מיט זיין שווער דער הייליגער עטרת צבי, איז ער גלייך געלאפן פרעגן דעם שווער וואס מען זאל טון,

אבער ווען ער איז אנגעקומען צום שוהל פונעם שווער, האט מען שוין דאן געהאלטן אינמיטן דאווענען מנחה פון ערב שבת, וואס ווי באוויסט האט דער הייליגער עטרת צבי זי"ע געהאט א מנהג צו דאווענען מנחה בעוד היום גדול, ווען ער איז אנגעקומען האט מען שוין געהאלטן אינמיטן שמונה עשרה פון מנחה, וואס האט זיך געקענט פארציען פאר שעות, דער צדיק האט נישט געוויסט וואס צו טון, אבער ער האט נישט געוואלט בשום אופן טון עפעס, בעפאר ער פרעגט דעם חוות דעת פון זיין שווער,

ווען זיין שווער דער הייליגער עטרת צבי האט אויס געטרעטן פון שמונה עשרה, האט ער זיך גלייך אויסגעדרייט צום איידעם מיט א פנים שוחקות און געזאגט, די ברויכסט זיך נישט זארגן, ווייל אין הימל האט מען אויך גע'פסק'נט ווי דיר, מיט דעם האט זיך דער איידעם טאקע בארואיגט, אז מען איז מסכים אין הימל צו זיין פסק, אבער ביינאכט האט דעם גאון זייער ווי געטון די גאנצע מעשה, ווייל אפילו מען האט טאקע מסכים געווען אין הימל צו זיין פסק הלכה אבער "תורה לא בשמים הוא",

אבער דעם קומענדיגן טאג איז דער צדיק געשטאנען ביי זיין פענסטער, און ער זעט ווי צוויי קליינע מיידלעך שפילן אויפן גאס און רעדן צווישן זיך, און איין מיידל זאגט פארן אנדערן מיידל, "די ווערסט נישט טרעפן דעם נאדל, ווייל איך האב דאס באהאלטן אויף גאר א גוטן פלאץ", פרעגט די אנדערע מיידל פון איר, זאג מיר ווי די האסט דאס באהאלטן,

האט די מיידל געזאגט, "איך האב דאס באהאלטן אין די בני מעיים פון די בהמה וואס מען האט גע'שחט'ן אויף שבת", אזוי ווי דער צדיק האט דאס געהערט האט ער שוין געזען אז פון הימל האט מען אזוי געפירט אז ער זאל פסק'נען ריכטיג, ווייל די נאדל איז אריין געקומען אין די בני מעיים ערשט נאכן שחט'ן דעם בהמה.

ווי עס איז באקאנט איז די עבודה פון תחנון געווען א גאר געהויבענע זאך ביים צדיק וקדוש דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע, ער האט געזאגט דעם תחנון יעדן טאג מיט א געוואלדיגע דביקות און אש קודש, אז עס האט זיך גאר אסאך מאל געקענט מאכן אז עס איז געקומען ממש צו כלות הנפש,

איין טאג האט דער איידעם רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע געדאווענט מיטן שווער שחרית, און ער האט געזען אז די שווער איז אויף א גאר געהויבענע דביקות ממש העכער ווי געווענליך, דער איידעם האט מרגיש געווען אז דער שווער פארארבעט מעשים, און ער האט מרגיש געווען אז דער שווער וויל היינט ביי תחנון זיך מוסר נפש זיין און נסתלק ווערן פאר כבוד שמים,

דער איידעם איז גלייך צו געלאפן צום ספרים שאנק און ער האט מסיים געווען א מסכת אזוי ווארטענדיג אויפן שווער צו ענדיגן שטילע שמונה עשרה, צו חזרת הש"ץ איז דער איידעם צו געגאנגען, און ווען ער האט געענדיגט האט ער געזאגט קדיש, ווען דער שווער האט געווינקען דערנאך פארן איידעם פארוואס מען זאגט נישט קיין תחנון, האט דער איידעם געזאגט, איך מאך היינט א סיום מסכת,

נאכן דאווענען האט דער שווער מיט א שמייכל געזאגט פארן איידעם, וויסן זאלסטו אז די האסט מיר מאריך ימים געווען היינט, ווייל היינט ביים דאווענען האב איך מכוון געווען זיך מוסר נפש צו זיין ביי תחנון, אבער די מיט דיין סיום מסכת האסטו מיך געראטעוועט, און דער שווער האט דעם איידעם גאר שטארק מכיר טובה געווען אויף דעם.

נאכדעם וואס דער צדיק הרה"ק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע האט איבער גענומען דאס רבנות פון זיין טאטן זי"ע, האט איינמאל א פרוי געברענגט פארן צדיק א מתנה א זילבערנע לייכטער, דער צדיק האט זיך זייער געפרייט צו דעם און ער האט געמאכט מיט א געוואלדיגע התרגשות דעם ברכה שהחיינו, די שטוב מענטשן האבן זיך זייער געוואונדערט אויף דעם ברכה, אפילו די הלכה איז טאקע אז אויף א נייע כלי מאכט מען א שהחיינו, אבער דער צדיק איז דאך געווען כולו קודש און פארוואס זאל די רבי מאכן מיט אזא התרגשות די ברכה פון שהחיינו אויף א נייעם לייכטער,

דאן האט דער צדיק מסביר געווען זיין געוואלדיגע שמחה, ווייל זייענדיג א יונגערמאן נאך די חתונה האט אים זיין שווער דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע צו געזאגט צו געבן קעסט, אבער וויבאלד דארט אין

שטוב פונעם הייליגען עטרת צבי איז געווען א גרויסע דחקות, האט ער קיינמאל נישט באקומען זיין קעסט, אויך האט ער ביים שטוב פונעם שווער כמעט נישט געהאט קיין עסן אז ער האט כמעט דעם גאנצן וואך געפאסט,

איין ערב שבת ווען דער שווער האט שוין געהאלטן אינמיטן זיין עבודה ביי מנחה ערב שבת, וואס דאס איז געווען אן עבודה וואס האט געקענט נעמען אפאר שעה, איז דער איידעם דאן ארויס געקומען פון מקו', און וויבאלד עס איז געווען אינמיטן ווינטער איז געווען דארט זייער קאלט, האט זיך דער צדיק מראזלא געשטעלט ביים אויווען כדי ער זאל זיך אביסל דערווארעמען, איז דארט אויפן אויווען געלעגן א שטיקל חלה, וואס איז שוין געווען אינגאנצן פארטריקענט, אבער פון גרויס הונגער האט זיך דער צדיק מראזלא צוגעכאפט צו דעם שטיקל חלה,

דער שווער האט דאס גלייך מרגיש געווען, און דאס האט אים מבלבל געווען די מחשבות פונעם דאווענען, האט זיך דער שווער אויס געדרייט און געזאגט פארן איידעם, זיי נישט צובראכן פונעם מצב יעצט, עס וועט נאך בקרוב קומען א צייט ווען מען וועט דיר ברענגען זילבערנע לייכטער,

זאגט דער צדיק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע, עס איז שוין דורך אסאך יארן, און מען האט נישט געברענגט די זילבערנע לייכטער, אבער יעצט ווען איך זעה אז די ווערטער פון מיין הייליגע שווער איז מקיים געווארן, האב איך געמאכט דעם שהחיינו אז עס איז מקיים געווארן די הייליגע ריידס פונעם שווער, און נישט אויפן לייכטער האב איך געמאכט דעם שהחיינו,

דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע פלעגט ווי באקאנט דאווענען זייער לאנגע שמונה עשרה'ס, יעדן ערב שבת קודש ביי מנחה פלעגט ער קענען שטיין, און דאווענען די שמנה עשרה צוויי דריי שעה און אפילו מער, אויך פלעגט זיין דער מנהג ביים הייליגען עטרת צבי זי"ע, אז ער פלעגט האבן פאר זיך זיין זייגער'ל, און ער פלעגט טאפן דאס זייגער'ל און קוקן דערויף אינמיטן דאווענען, פארשטענדליך האט ער געהאט דערביי גרויסע כוונות,

דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי מנחם מענדל האגער בעל אהבת שלום מקאסוב זי"ע האט געהאט א איידעם הגה"ק רבי גרשון אשכנזי אב"ד קאלאמייא זי"ע, און אין זיין יוגנט איז ער געווען רב אין ראזלא, איינמאל איז דער הייליגער עטרת צבי זי"ע געווען אין ראזלא, און עס האט זיך געמאכט, אז דער זייגערל פון דעם 'עטרת צבי' האט זיך צובראכן, האט דער גבאי עס געגעבן פאר א זייגער מאכער, ער זאל עס זען צו פארריכטן,

אבער ווען עס איז געקומען ערב שבת קודש, און דער זייגער מאכער איז נישט אנגעקומען צו פארריכטן דעם זייגער פון דעם 'עטרת צבי', און דער פאכמאן האט גוט געוואוסט, אז דער זייגער'ל פאר דעם 'עטרת צבי', מיינט נישט פשוט צו קענען זען וויפיל אזייגער עס איז, נאר עס באדייט אסאך העכער'ס פון דעם, און ספעציעל ביי די שמנה עשרה'ס פון ערב שבת קודש, וואס דעמאלטס פארארבעט דער הייליגער עטרת צבי גאר געהויבענע מעשים, און מען מוז זעהן צו האבן דא א זייגער,

דער זייגער מאכער האט געהאט ביי זיך א זייגער, וואס דער רב פון שטאט רבי גרשון האט אים געגעבן צו פארריכטן, און ער האט עס שוין געהאט פאראכטן, האט ער אויף דערוייל געבעטן רשות פונעם רב, צו קענען געבן דעם זייגער'ל, פאר דעם עטרת צבי, ביז ווילאנג זיין זייגער'ל ווערט גרייט, און פארשטייט זיך אז דער רב רבי גרשון האט מסכים געווען בלב חפץ צו בארגען זיין זייגער פארן הייליגען עטרת צבי זי"ע,

יענעם וואך ערב שבת קודש ביי מנחה, האבן די אנוועזנדע באמערקט, ווי דער עטרת צבי קוקט אויפ'ן זייגער'ל מער ווי געווענליך, און מיט גרויס חביבות, און אזוי ווי ער ענדיגט דאווענען, שיקט דער עטרת צבי רופן דעם זייגער מאכער, און פרעגט אים, פאר וועמען באלאנגט די זייגער, דער פאכמאן האט זיך אנטשולדיגט און געזאגט, איך בין נישט אנגעקומען צו פאררעכטן דעם רבינ'ס זייגער, און איך האב געוואוסט אז דער רבי מוז האבן א זייגער, האב איך מיט רשות געגעבן פאר'ן רבי'ן דעם זייגער פונעם רב רבי גרשון,

דער עטרת צבי האט געשיקט רופן ר' גרשון און ער פרעגט אים, פון וואו האט איר די זייגער, האט דער רב געענטפערט, איך האב עס בירושה פון מיין שווער דער הייליגער אהבת שלום פון קאסוב זי"ע,

זאגט אים דער עטרת צבי, יעצט איז מיר שוין אלעס פארשטענדליך, איך האב געקוקט אויפ'ן זייגער'ל און איך האב געזען אז עס איז פיל מיט הייליגע כוונות און

יחודים, און עס איז נישט מיין זייגער, יעצט אז איר זאגט מיר אז עס איז די זייגער פון אייער שווער, איז שוין אלעס פארשטענדליך.

ענדליך צו דעם ווערט דערציילט, אז בשעת'ן מסיבת אירוסין ווען די אײדעם פונעם עטרת צבי זי"ע, הרה"ק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע האט געשלאסן שידוך מיטן זון פונעם צדיק הרה"ק רבי דוד מזבלטוב זי"ע דער זון פון דעם הייליגען אהבת שלום מקאסוב זי"ע, און דער שידוך איז געשלאסן געווארן אין שטאט זידיטשוב ביים זיידן, האט זיך געמאכט אז דער מחותן ר' דוד'ל זאבילטאווער האט ארויס גענומען זיין טאבאק פושקע, צו שמעקן טאבאק, האט דער מחותן די זיידע דער עטרת צבי געבעטן א שמעק טאבאק,

אזוי ווי ער שמעקט נאר, פרעגט ער פונעם מחותן רבי דוד, פון וואנעט קומט דער טאבאק פושקע, עס האט עפעס א ניצוץ פון דער משכן וואס בצלאל האט געמאכט, ענטפערט אים רבי דוד'ל, דאס האב איך בירושה פון מיין טאטן דער אהבת שלום זי"ע, און איך האב געהערט, אז ווען דער טאטע האט געלאזט מאכן דעם טאבאק פושקע האט ער געגעבן פאר דעם פאכמאן א שטיק זילבער,

און ער האט אים באפוילן צו מאכן פון די שטיק זילבער א טאבאק פושקע, און ער זאל גארנישט צו לייגן קיין זילבער, און ער זאל גארנישט אראפ נעמען, אזוי אויך האט ער אים באפוילן פונקטליך וויפיל ער זאל האקן מיט זיין האמער בשעת'ן מאכן די כלי, און א גאנצע צייט איז מיין טאטע געשטאנען דערביי און נישט אראפ גענומען קיין אויג, יעצט שטימט שוין אלעס האט דער הייליגער עטרת צבי אויס געפירט, אז בשעת ער האט געלאזט מאכן דעם טאבאק פושקעלע האט ער מייחד געווען די יחודים, וואס בצלאל האט זיך באניצט ביים אויפבויען דעם משכן, און דאס האט דער הייליגער עטרת צבי מרגיש געווען ביים שמעקן טאבאק פונעם טאבאק פושקע,

דערציילט מען אז איינמאל איז דער צדיק רבי משה מסאמבור זי"ע געווען צוזאמען מיטן ברודער דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע, ביים הייליגען חוזה מלובלין זי"ע אויף יום הקדוש, אינמיטן יום הקדוש איז דער הייליגער עטרת צבי נישט געזונט געווארן, און דער ברודער רבי משה האט זיך דעם גאנצן יו"ט אפ געגעבען מיטן הייליגען ברודער,

און צוליב דעם מצב האט דער ברודער געברויכט מחלל יו"ט זיין צו ווארעמען עפעס פארן ברודער וואס איז געווען דאן א חולה מסוכן, און צוליב דעם האט דער צדיק רבי משה מסאמבור זי"ע נישט געקענט דאווענען אין שוהל דעם גאנצן טאג יום הקדוש,

מוצאי יום הקדוש ווען דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע איז ארויס פון שוהל, איז ער דאן דורך דעם אכסניא ווי די צוויי הייליגע ברודער האבן זיך אויף געהאלטן, האט ער דאן געפרעגט דעם צדיק רבי משה, וואס איז די מצב מיטן ברודער דער עטרת צבי, האט רבי משה געזאגט פארן הייליגען חוזה, אז ער האט געברויכט מחלל זיין יו"ט צו אן ווארעמען וואסער פארן ברודער, האט דער הייליגער חוזה געזאגט, "אצינד וויים איך שוין פארוואס מיר האבן געהאט אזא הייסע דאווענען יום הקדוש, ווייל איר האט אונטער געווארעמט",

דער צדיק וקדוש דער הייליגער חקל יצחק מספינקא זי"ע האט דערציילט, אז דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע איז נאך זיין פטירה געקומען אין חלום צו זיין אײדעם הרה"ק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע, און דער אײדעם האט געפרעגט דעם שווער לגבי זיין פלאץ אין גן עדן,

האט דער שווער געזאגט פארן אײדעם, אז ער איז נאכנישט אריין אין גן עדן, ווייל יעצט איז ער פארנומען ארויס צו ראטעווען פון גיהנום אלע אידן וואס זענען געווען צו אים מקושר אויף די וועלט, און דער אײדעם האט געזאגט, זעהטס דאס גרויסקייט פון זיין מקושר צו א צדיק, אז אפילו בעולם העליון קען דער צדיק א טובה טון פאר איינעם וואס איז געווען צו אים מקושר בחייו.

איינמאל איז דער צדיק וקדוש רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע געווען זייער קראנק, און מען האט געלאזט ריפן א גרויסע דאקטאר פון שטאט לעמבערג צום צדיק, אבער לפלא ווען דער דאקטאר איז אריין געקומען האט זיך דער צדיק אויס געדרייט צו די וואנט,

דער דאקטאר איז פון דעם געווען זייער ברוגז, היתכן מען ריפט אים צום צדיק, אבער דא דריידט זיך דער צדיק אוועק פון אים, האט דער צדיק געזאגט פארן דאקטאר, דיך האב איך געריפן פאר א קל וחומר, ווייל ווען די קומסט זאג איך פארן גרויסן באשעפער,

באשעפער אויב דער גוי דער דאקטאר מעג זיין געזונט, מעג איך דאך אויך זיין געזונט,

הרה"ק רבי יוסף מאיר בעל אמרי יוסף מספינקא זי"ע האט דערציילט, אז אמאל איז דער צדיק וקדוש רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע געווען אויף א שבת קדוש אינעם שטאט קעשינוב, און נאך שבת האט די גאנצע שטאט באגלייט דעם צדיק וקדוש ארויס פון שטאט מיט גרויס כבוד און עהרע,

אויפן וועג ארויס איז דארט געווען מיטן רבין זיין איידעם הרה"ק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע, און זעענדיג דעם גרויסן כבוד וואס מען געט פאר זיין שווער, האט ער געפרעגט דעם שווער, ווי אזוי קען דער שווער באקומען אזויפיל כבוד, און בכלל נישט קומען צו קיין השנשאות און ח"ו גאווה, ווייל יעדער איד וואס באקומט אזויפיל כבוד קען דאך צו קומען ח"ו צו גאווה,

האט דער הייליגער צדיק וקדוש דער עטרת צבי זי"ע געזאגט פארן איידעם א משל, אויב א גרויסע חשובע מלך קומט אין א שטאט, קומט ער דאך אויף א שיינע וואגן און מיט א גוטע בעל עגלה, און די גאנצע שטאט גייט ארויס מקבל פנים זיין דעם מלך און געבן אפ גרויס כבוד פארן מלך, וועט דען דער פערד און וואגן און אויך דער בעל עגלה טראכטן אז די כבוד איז פאר זיי, זיכער נישט, ווייל דער בעל עגלה ווייסט גאנץ גוט, אז אויב וואלט ער געקומען אן דעם מלך, וואלט דאך קיינער נישט אפילו געקוקט אויף אים, נאר די גאנצע כבוד איז וועגן דעם מלך,

דאס זעלבע איז מיט מיר זאגט דער צדיק וקדוש דער עטרת צבי זי"ע, די גאנצע כבוד וואס די מענטשן פון שטאט האבן מיר דא געגעבן, ווייס איך ביי מיר דאך דעם אמת, אז דאס איז נאר לכבוד די תורה הקדושה און פארן כבוד פונעם באשעפער, דערפאר קומט דאך אויס, אז איך בין אזוי ווי די בעל עגלה אדער די פערד און וואגן, איז אויב אזוי פארוואס זאל איך אפילו באקומען גאווה און אפילו האלטן פון מיר, ווען די גאנצע כבוד איז דאך בכלל נישט פאר מיר,

**יארצייט**
**דינסטאג י"ב תמוז**

**הגה"ק רבינו יעקב בן רבינו אשר זי"ע, בעל הטורים,**
**מגדולי חכמי ספרד בתקופת הראשונים,**

ער איז געבוירן אין שטאט קעללן אין אשכנז, בשנת ה' אלפים כ"ט,

צו זיין טאטן הגה"ק רבינו אשר בן רבינו יחיאל בעל הרא"ש זי"ע,
וואס האט געצויגען זיין יחוס ביז הגה"ק רבי אליעזר ב"ר נתן בעל ראב"ן זי"ע פון די בעלי תוספות און צו הגה"ק רבינו גרשון מאור הגולה זי"ע,

און צו זיין מאמע הצדקת מרת יוטא ע"ה,
בת הגה"ק רבינו שלמה יודלין בעל בית אמיד מקולניה זי"ע,

ער איז געווען א איש אלוקים קדוש וטהור מאוד, א גאון הגאונים און א בקי נפלא בש"ס ופוסקים, גרויסע גאונים וגדולים בתורה בדורו האבן מעיד געווען אויף זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל רוח הקודש,

ער האט זיין גאנץ לעבן נישט געוואלט נעמען קיין רבנות שטעלע, און וויבאלד ער איז געווען א שונא מתנות און נישט געוואלט נהנה זיין פון קיין מתנת חינם פון אנדערע, דערפאר האט ער געלעבט זיין גאנץ לעבן אין א שרעקליכע דחקות,

פון זיין יוגענט האט דער גאון געלערנט ביי זיין הייליגן טאטן דער בעל הרא"ש זי"ע וואס איז געווען פון די גדולי מפרשי התלמוד און א גאר גרויסע פוסק הלכה בדורו, אויך האט ער געלערנט ביי זיין הייליגע ברידער הגה"ק רבינו יחיאל זי"ע,

ווען ער איז געווען בערך 23 יאר האבן די אידן דארט אין שטאט אסאך געליטן פון רדיפות, איז דאן זיין טאטע מיט אלע ברידער אנטלאפן פון דארט קיין ספרד טוליטולא, דארט האט דער גאון ווייטער עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, אויך האט ער דארט אין טוליטולא אסאך עוסק געווען בתורה מיט נאך אנדערע גדולים בדורו,

בערך בשנת ע"ז האט דער גאון אנגעהויבן שרייבן זיין חיבור ארבעה טורים אויף די ד' חלקי שולחן ערוך, וואס אין דעם האט ער ארויסגעברענגט אלע הלכות ווי אזוי א איד ברויך זיך פירן,

דארט ברענגט ער אראפ מקורות פון די גמרא און ראיות צו זיינע ווערטער פון די ראשונים ווי דער רבינו חננאל, רבינו נסים, רבינו גרשום, און רש"י הקדוש, און נאך בעלי תוספות, אויך ברענגט ער אראפ די ווערטער פון די חכמי ספרד, ובראשם דעם הייליגען רי"ף, הרמב"ם, הרמב"ן,

דער הייליגער בית יוסף זי"ע שרייבט אין זיין ספר מגיד מישרים, זיין עדות פון דעם מגיד המלאך וואס האט זיך צו אים מגלה געווען פון הימל, און ער האט געזאגט אז אויבן אין הימל רופט מען דעם גאון און זיין טאטן דער רא"ש בשם "אשר קדישי, ויעקב דחילי",

הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע האט געזאגט, אז זיין גאנצע יראת שמים איז אים נשפע געווארן וועגן זיין התמדה און לערנען דעם פירוש טור מיטן בית יוסף, און הגה"ק מהרש"ם מברעזאן זי"ע האט דערציילט אז ווען מען איז געקומען מזכיר זיין א חולה ביים שר שלום מבעלזא זי"ע פלעגט ער זיך אויסדריקן "לא יהיה עוד" און די מחלה איז טאקע אוועק געגאנגען,

איינמאל איז דער זוהן הרה"ק מהר"י מבעלזא זי"ע זייער נישט געזונט געווען, און מען האט אים מזכיר געווען ביים טאטן, אבער די מחלה איז נישט אוועק,

ווען מען איז נאכאמאל געקומען מזכיר זיין דעם זוהן, האט דער הייליגער שר שלום זי"ע געזאגט, אז אין טור און בית יוסף איז באהאלטן אלע מיני רפואות, און עס איז דא איין סימן וואס איז גאר שטארק מסוגל אויף רפואה, און דעם סימן האב איך שוין לאנג נישט געלערנט, דאן האט דער הייליגער שר שלום געלערנט דעם סימן און דער זוהן איז טאקע געזונט געווארן.

דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע האט געזאגט, אז פארוואס האט דער הייליגער גאון געריפן זיין ספר על התורה מיטן נאמען "בעל הטורים" אנשטאט עפעס וואס האט די נאמען יעקב,

נאר וויבאלד דער ספר איז געווידמעט אויף גימטריאות, און דער גאון האט מורא געהאט אז עס וועלן קומען

בדחנים וואס זאגן אויך גימטריאות, און עס וועט קומען א טאג וואס מען וועט ח"ו מזלזל זיין אין זיין ספר און פרעגן, ווער האט מחבר געווען דעם ספר, און דערפאר האט ער א נאמען געגעבן דעם ספר בעל הטורים, אז מען זאל וויסן אז דאס האט מחבר געווען דער זעלבער בעל מחבר ווי די ד' חלקי טורים.

דער גאון האט זוכה געווען אז זיין חיבור איז געווארן אנגענומען אין די גאנצע וועלט, און ווערט פארעכנט אלס דעם ספר ההלכה האחרון,

און ווי דער הייליגער חיד"א זי"ע שרייבט בזה"ל, "כי לגודל נשמתו ונשמת מרן הבית יוסף, זכו לכך שכל מורה הוראה לוקח בידו את ספרי הטור, ובית יוסף, ומבלעדיהם לא ירים איש את ידו בהוראה.

ער האט זוכה געווען אז גדולי ישראל האבן געשריבען חיבורים אויף זיין חיבור ובתוכם,

הגה"ק רבי יוסף קארו בעל הבית יוסף זי"ע,
הגה"ק רבי יעקב ב"ר שלמה אבן המהר"י בן חביב בעל עין יעקב זי"ע,
הגה"ק רבי משה אלשקר בעל מהר"ם אלשקר זי"ע,
הגה"ק רבי יואל סירקיש בעל הב"ח זי"ע,
הגה"ק רבי יהושע כ"ץ בעל דרישה ופרישה זי"ע,

הרה"ק רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע שרייבט אז אלע ספרים ביזן בעל הטורים, און אויך דער ספר בעל הטורים זענען געשריבן געווארן ברוח הקודש,

דער גאון האט זיין גאנצע לעבן געהאט א השתוקקות ארויף צו גיין קיין ארץ ישראל, און סוף ימיו האט ער אנגעהויבן מאכן דעם וועג ארוף קיין ארץ ישראל, אבער אנקומענדיג אין שטאט יאוס וואס איז נעבן דעם שטאט איזמיר און תורכיה, איז דער גאון גאר שטארק קראנק געווארן און ליידער דארט נסתלק געווארן,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע חיבורים.

ארבעה טורים, על ד' חלקי שולחן ערוך, אורח חיים, יורה דעה, אבן העזר, חושן משפט,
פירוש בעל הטורים, על התורה, וואס איז פיל מיט רמזים און גימטריות,
ספר קיצור פסקי הרא"ש, פסקים פון זיין טאטן דער הייליגער רא"ש זי"ע,

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.
הגה"ק רבינו שלמה זי"ע, וואס איז ליידער נפטר געווארן יונגערהייט ביי די שווארצע מגיפה,
חתנו, אחיו, הגה"ק רבי יהודה זי"ע,

נסתלק לגנזי מרומים י"ב תמוז ה' אלפים בשנת ק"ג, ומנוחתו כבוד איז אדער אין שטאט יאס ווי ער איז נסתלק געווארן, אדער אין שטאט טולידו אין ספרד,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט**
**מיטוואך י"ג תמוז**

**הרה"ק רבי מרדכי ב"ר יחיאל מיכל זי"ע, בעל פרשת גדולת מרדכי, המגיד מקרעמניץ,**

ער איז געבוירן אין שטאט זלאטשוב, בשנת תקכ"ה,

צו זיין טאטן הרה"ק רבי יחיאל מיכל המגיד מזלאטשוב זי"ע,
בן הרה"ק רבי יצחק מדרוהוביטש זי"ע,
בן הגה"ק רבי יוסף מפיסטין זי"ע, הנקרא רבי יוסף איש אמת,
בן הרה"ק רבי משה מזבריש זי"ע, הי"ד,
ולמעלה בקודש ביז הגה"ק רבי יצחק חיות בעל אפי רברבי זי"ע,

ווי עס איז מקובל מפי אבותיו ואבות אבותיו, זענען די עלטערן ביז 72 דורות אלע געווען בעלי רוח הקודש, און צדיקים נסתרים,

הרה"ק רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע איז געווען פון די אחים הקדושים, איינע פון די פינעף הייליגע קינדער קדושים, פונעם הייליגען מגיד מזלוטשוב זי"ע,
הרה"ק רבי יוסף מיאמפולה זי"ע,
הרה"ק רבי יצחק בעל אור יצחק מראדוויל זי"ע,
הרה"ק רבי בנימין זאב וואלף מזבאריז זי"ע,
הרה"ק רבי משה מזוועהיל זי"ע,
הרה"ק רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע,

און ווי דער טאטע האט געזאגט אויף די אחים הקדושים, חמשה ארזים נטיעות טובות אשר נטע והאירו בכל העולם, און געזאגט אז זיי זענען קעגן די חמשה חומשי תורה, און דער זון הרה"ק רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע האט די טאטע גערופען משנה למלך, ווייל ער איז געווען קעגן ספר דברים וואס איז משנה תורה,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת רעכיל ע"ה,
בת הגה"ק רבי משה זי"ע,

ער איז געווען א איש אלקים קדוש ונורא מאוד, און א צדיק אמת וישר, ער איז געווען א גאון עולם און א בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר, ער האט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים ובתוכם גדולים וצדיקים בדורו, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל רוח הקודש נפלא, אויך איז דער צדיק געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות, דער צדיק איז געווען א אוהב שלום ורודף שלום, ער האט יעדן איד ליב געהאט אהבת נפש,

דער צדיק וקדוש איז געווען גאר געהויבען אין כח הנגינה, ווי דער צדיק דער הייליגער אוהב ישראל מאפטא זי"ע האט מעיד געווען, אז די נשמה פונעם צדיק איז געקומען פון היכל הנגינה, און דערפאר האט דער צדיק מקרב געווען לבבות ישראל לאביהם שבשמים מיט זיין גרויסע כח הנגינה, ורבים השיב מעון,

שוין פון אלס גאר יונג קינד האט מען שוין געזען דאס גדלות בתורה פון דעם צדיק און זיין געוואלדיגע קדושה וטהרה מיט וואס ער האט זיך שוין דאן געפירט, ער איז נתגדל געווארן דורך זיין גרויסן טאטן און גאר אסאך פון זיין תורה ועבודת השם האט ער געלערנט פון זיין גרויסן טאטן זי"ע,

אויך האט ער געלערנט אלס קינד ביי הגה"ק רבי יהודה מפוטיק זי"ע וואס איז געווען מגדולי התלמידים פון זיין גרויסן טאטן דער מגיד מזלאטשוב זי"ע, און דער צדיק רבי מרדכי פלעגט טאקע יעדעס יאר פארן צום ציון קדשו פון זיין רבי ר' יהודה מפוטיק זי"ע,

ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הרה"ק רבי אליעזר מלמד מקולבסוב זי"ע,

דערציילט מען אויפן שווער פונעם רבין, אז ער איז געווען א פשוטע מלמד אבער זייער א ערליכער, ער איז געווען א גרויסע חסיד פונעם צדיק וקדוש רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, און בעצת פון זיין רבין האט זיך דער שווער פארגעשטעלט אלס א עושר וואס זוכט א איידעם א תלמיד חכם, און דער הייליגער רבי אלימלך האט אים געהייסן נעמען דעם בחור רבי מרדכי זי"ע דער זון פון דעם הייליגען מגיד מזלאטשוב זי"ע,

אבער נאכן שידוך האט דער מלמד דערציילט פארן מגיד, אז באמת איז ער נישט קיין עושר, נאר אדרבה ער איז גאר ארים, און דער מגיד וואס האט דאך געוויסט דאס גדלות פון זיין זון, האט זייער געוואלט אז דער זון זאל חתונה האבן און דער שווער זאל אים אויס האלטן, כדי ער זאל קענען בלייבן לערנען, דערפאר האט דער מגיד געוואלט מאכן די חתונה, אבער וויבאלד מען האט

דאך אים אויס געֹ'נער'ט, האט ער געוואלט פארלאנגען א גט פיטורין,

אבער דער הייליגער זון רבי מרדכי זי"ע, האט בשום אופן נישט מסכים געווען צו ח"ו פארשעמען א אידיש מיידל, און דערפאר האט ער בשום אופן נישט געוואלט געבן קיין גט, און ווען דער הייליגער מגיד האט געזען, אז דא איז אים געווען באשערט דעם שידוך, האט ער דאן געגעבן א ברכה פארן זון, אז ער זאל זוכה זיין צו קינדער צדיקים וקדושים, און טאקע פון דעם זיווג זענען ארויס געקומען קינדער קדושים וואס האבן פארשיינט די וועלט מיט זייער תורה און קדושה,

ער איז געווען א תלמיד מובהק פון הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, און דער צדיק וקדוש האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע קרבה יתירה ביי זיין גרויסע רבי פון ליזענסק, און גאר אסאך תורה און חסידות און קדושה האט ער קונה געווען ביים הייליגען צדיק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע,

בערך בשנת תקמ"ו ווען זיין הייליגע טאטע דער מגיד מזלאטשוב זי"ע איז נסתלק געווארן, האט דער צדיק אנגעהויבן פירן די קהלה קדושה אין שטאט קרעמניץ, דארט האט דער צדיק געדינט אלס דער מגיד מישרים פון שטאט, ער האט מיט זיינע הייליגע רייד מקרב געווען טויזענטער אידן צום הייליגען באשעפער, ורבים השיב מעון,

ווי באקאנט איז דער צדיק געווען א גרויסער עניו, ער האט זיך געהאלטן פאר דעם ערגסטן איד אויף דער וועלט, איינמאל איז דער רבי מקרעמניץ געווען אונעם שטאט ברעזאן, איז דארט געווען די באבע פונעם גאון דער מהרש"ם זי"ע, און די באבע האט געהערט ווי דער צדיק מקרעמניץ רעדט זיך אפ אויף זיך, ווי ווייט ער איז פון אמת'ע עבודת השי"ת,

האט זיך די באבע פונעם מהרש"ם אנגערופן צום הייליגען קרעמניצער זי"ע, "איך וואלט געוואלט האבן אזעלכע קינדער וואס טויגן נישט אזוי ווי דער רבי איז", און זי האט באקומען א ברכה פונעם הייליגען קרעמניצער, און כך הוה זי האט שפעטער געהאט דעם אייניקל דער גרויסער גאון וקדוש רבי שלום מרדכי שוואדראן בעל המהרש"ם מברעזאן זי"ע וואס האט געשאקעלט וועלטן מיט זיין תורה און קדושה,

דער הייליגער צדיק רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע האט אסאך עוסק געווען אין צדקה וחסד, ער האט זיך אוועק געגעבן פאר ארימעלייט און געהאלפן יעדן צובראכענע איד סיי מיט געלט און סיי מיט חיזוק און הדרכה, ספעציעל האט דער צדיק אסאך עוסק געווען לטובת עניי ארץ ישראל, ער פלעגט שיקן גרויסע געלטער פאר די ערליכע אידן עובדי השם אין ארץ ישראל, וואס מיט די געלטער האבן זיך דערהאלטן הונדערטער משפחות פון תלמידי חכמים אין ארץ ישראל, און אסאך גאונים פונעם דור האבן דעם צדיק ארויס געהאלפן צו צוזאמען שטעלן די גרויסע געלטער,

ער האט געהאט תלמידים גאונים און צדיקים ובתוכם,
הרה"ק רבי מאיר מפרמישלאן זי"ע,
הרה"ק רבי חיים מטשערנאוויץ בעל באר מים חיים זי"ע,
הגה"ק רבי ישעיהו שור אב"ד זבאריז זי"ע,
הרה"ק רבי אברהם דוב בעל בת עין מאווריטש זי"ע,
הרה"ק רבי נתן מברסלב זי"ע,

הרה"ק רבי מאיר מפרמישלאן זי"ע האט מעיד געווען אויף זיין רבין, אז די מלאכים און שרפים ציטערן פאר זיינע דיבורים, און דער רבי ר' מרדכי'לע מקרעמניץ זי"ע, האט נישט מסיח דעת געווען פונעם גרויסן באשעפער קיין איין רגע,

הרה"ק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע האט געזאגט, אז ער האט געהערט פון זיין רבין רבי מאיר מפרמישלאן זי"ע, אז כאטש דער רבי דער הייליגער קרעמניצער זי"ע האט געוויסט ברוח הקודש אלעס וואס טוט זיך אין די עולמות העליונים, און וואס טוט זיך אויף דער וועלט, האט ער אייביג געציטערט און געזארגט, וואס וועט ער ענטפערן ביים בית דין של מעלה,

דערציילט מען אז ביים תלמיד רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע האט מען אמאל ארויף געלייגט א גלעזל אויפן טיש, און רבי מאיר'ל האט געהייסן אז מען זאל דאס אראפ נעמען גלייך פון טיש, ווייל עס איז נאכנישט גע'טובל'ט, מען האט דאס נאכגעקוקט און געזען אז דער צדיק איז גערעכט, האט רבי מאיר'ל געזאגט, אז די מדריגה צו קענען מרגיש זיין אויב א כלי איז נאכנישט גע'טובל'ט, האט ער מקבל געווען יונגערהייט פון זיין רבין רבי מרדכי'לע מקרעמניץ זי"ע,

אויך האט מען דערציילט אז דער תלמיד רבי מאיר'ל האט געהאט בירושה א שטריימל פון זיין רבי ר' מרדכי מקרעמניץ זי"ע, און ווען מען איז געקומען מזכיר זיין א ספעציעלע הזכרה, און ער האט געוואלט פויעלן א ישועה, האט ער אנגעטון דעם שטריימל,

דער צדיק וקדוש רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע האט זיין גאנץ לעבן גאר אסאך עוסק געווען אין תעניתים און סיגופים, ער פלעגט כסדר עוסק זיין צו צוברעכן זיין תאוות גשמיות און אריין געלייגט א געוואלדיגע עבודה צו מטהר זיין דעם גוף, אז עס זאל נאר וועלן טון דעם רצון השם, אבער דער צדיק האט דאס אלעס געטון מיט א געוואלדיגע הסתר און דאס באהאלטן פון די אויגן פון מענטשן,

אבער זיין גרויסע תלמיד רבי מאיר מפרמישלאן זי"ע האט דאס יא באמערקט, האט ער איינמאל געפרעגט דעם רבי ר' מרדכי'לע זי"ע, היתכן די רבי איז עוסק אין תעניתים און סוגיפים, עס איז דאך נישט געזונט פארן גוף פון די מענטש, האט דער צדיק געפרעגט פונעם תלמיד, זאג מיר עסן איז דען יא געזונט פארן גוף, נאר וואס דען, א איד דארף זיך סיי ווי פארלאזן אויף די חסדים פונעם גרויסן באשעפער, איז וואס איז די חילוק אויב איך עס אדער איך פאסט, איך ברויך דאך סיי ווי צו קומען צו די חסדים פונעם באשעפער, זאל איך כאטש צוברעכן מיינע תאוות אויך אין איינוועגס,

ווי באקאנט האט דער הייליגער אוהב ישראל מאפטא זי"ע זיך אסאך משתדל געווען מדפיס צו זיין דעם הייליגען סידור "תפלה ישרה" על פי קבלה, און ער האט דאס געגעבן פאר הנגיד הר"ר צבי זאב ראבינשטיין ממאהלוב ז"ל אז ער זאל זעהן אז מען זאל ארויס געבן דעם סידור, און עס איז טאקע געווארן דאס ערשטע מאל געדרוקט בשנת תקע"ו,

אבער דער הייליגער אפטא רב זי"ע האט נאכדעם געגעבן דעם סידור פאר רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע אז ער זאל מאכן זיכער אז עס איז דורך געקוקט און מזוקק מנוקה על פי האריז"ל, און דאן איז די סידור געדריקט געווארן אין שטאט ראדוויל בשנת תק"פ דורכן הייליגען קרעמניצער זי"ע און א יאר שפעטער איז דער צדיק מקרעמניץ נסתלק געווארן,

אויך איז באקאנט אז דער צדיק רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע האט אסאך עוסק געווען צו דרוקן דעם ספר הקדוש "באר מים חיים" פון זיין תלמיד רבי חיים מטשערנאוויץ זי"ע, עס איז טאקע נישט דא קיין אפיציעלע ספר פון זיינע הייליגע דברי תורה, אבער עס זענען געדריקט געווארן געקליבענע ליקוטים פון זיינע דברי תורה אונעם ספר פרשת גדולת מרדכי,

ווי עס איז באקאנט האט דער צדיק 10 טאג פאר זיין הסתלקות געשריבן א צוואה, און צווישן זיינע ריידט שרייבט ער פאר זיינע תלמידים און קינדער ווי אזוי זיי זאלן זיך פירן בזה"ל,

טייערע קינדער איר זאלט אויפשטיין פרי, און מקפיד זיין צו זאגן די ברכות מיט כוונה, אפרעכטן תיקון חצות, און נישט רעדן פארן דאווענען נאר אויב עס איז לצורך גדול, און דערנאך דאווענען באימה וביראה, און זיך אפהיטן פון מחשבות זרות, ווייל דער יצר הרע פרובירט צו אוועק נעמען די קדושה פון יעדן איד בשעתן דאווענען,

דאס לערנען זאל צוגיין מיט א יראה און ענווה, און פראבירן יעדן טאג צו לערנען תורה שבכתב, משניות, גמרא, פוסקים, און ספרי מוסר, אויך זאלט איר ארבעטען אויף די מידות, גאווה, כעס, און מחלוקת, ובפרט ביי זיך אין שטוב, אויך זאלט איר גאר שטארק נזהר זיין אין כיבוד אם בגוף ובנפש,

און פאר די טעכטער און שנירען האט ער אן געזאגט צו מכבד זיין די מענער און ח"ו זיי נישט מצער זיין, און שרייבט בזה"ל, "ותדעו שבעליכן הם מיוחסים שבישראל, וחוב עליכן לכבד אותם בכל מיני כבוד, ודבר זה הוא כבוד שלכן", צום שלוס איז ער מדגיש: "ואם תצייתו אותי תזכו לכל טוב בעולם הזה ובעולם הבא",

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער,

הרה"ק רבי יצחק מגרגוב זי"ע, חתן הרה"ק רבי שלום שכנא מפראהביטש זי"ע,
הרה"ק רבי יחיאל מיכל מווישנובייץ זי"ע,
הרה"ק רבי יוסף יוסקה מוואלטשיסק זי"ע, חתן הרה"ק רבי משה חיים אפרים בעל דגל מחנה אפרים מסדילקוב זי"ע,
הרה"ק רבי ישראל זי"ע, חתן הרה"ק רבי חיים האגער בעל תורת חיים מקוסוב זי"ע,
הרה"ק רבי בנימין זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת חוה ע"ה, אשת הרה"ק רבי אהרן מקארלין בעל בית אהרן זי"ע,
בתו, אשת הגה"ק רבי יוסף דוד לאנדא מאליק זי"ע,

נסתלק לגנזי מרומים י"ג תמוז בשנת תק"פ, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט קרעמניץ,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

אין אנהויב, נאך איידער דער צדיק וקדוש רבי מרדכי מקרעמניץ זי״ע האט געפירט אן עדה, איז ער געווען א שטיק צייט זייער געדריקט אין געלט און דער צדיק האט געלעבט אין א שרעקליכע דחקות, איז ער דעמאלט געפארן צום צדיק וקדוש רבי מרדכי מנעשכיז זי״ע, וועלכער איז געווען א מנהיג מפורסם און זיך געפירט מיט גרויס מלכות און הרחבה, און דער הייליגער קרעמניצער האט ביי זיך געקלערט, אז דער נעשכיזער וועט אים זיכער מעניק זיין און ארויס העלפן פון זיין גרויסן דחקות.

אבער ווען ער איז אנגעקומען קיין נעשכיז, האט אים רבי מרדכי׳לע נעשכיזער זייער מכבד געווען, ווי ס׳פאסט זיך פאר א זון פון זיין רבי׳ן, ווייל דער רבי מרדכי׳לע נעשכיזער איז געווען א תלמיד פון הרה״ק המגיד מזלאטשוב זי״ע, אבער ווען ער איז אריין זיך געזעגענען האט ער אים געגעבן בלויז אויף הוצאות הדרך, און אים אפגעזעגנט, און גארנישט צו געגעבן אים ארויס צו העלפן פון זיין דחקות.

ווען די מקורבים האבן זיך געוואונדערט דערויף, ווייל ס׳איז געווען מפורסם דעם הייליגען נעשכיזער׳ס גרויס פזרון אין צדקה וחסד אין טיילן געלט פאר אנדערע, וואלט ער דאך זיכער געדארפט געבן אסאך געלט פאר זיין רבי׳נס א קינד, האט זיי רבי מרדכי׳לע נעשכיזער זי״ע געענטפערט, וואונדערט אייך נישט אז איך גיב גארנישט פארן צדיק רבי מרדכי, ווייל איך זעה, אז בקרוב וועט דער יונגערמאן זייער נתעלה ווערן, און זיין א גרויסער מנהיג ביי אידן,

דעריבער וויל איך אים נישט מאכן פאר א מקבל, ווייל א מקבל קען נישט זיין קיין משפיע, און ער וועט נאך דארפן בקרוב זיין א משפיע, און דערפאר האב איך אים גארנישט געגעבן, און דער הייליגער נעשכיזער האט דערציילט, אז אמאל איז געווען א בעל-הבית וועלכער האט ארויס געהאלפן דעם הייליגען זלאטשובער מגיד ווען ער איז געווען אין נויט, אבער שפעטער האט זיך איבערגעדרייט דער ראד, און יענער איז געווארן א יורד, איז ער געקומען צו רבי מיכל׳ע זלאטשובער זי״ע, אבער רבי מיכל׳ע האט אים גארנישט געוואלט געבן צוליבן דערמאנטן טעם.

איין יאר פרשת בלק איז ביים רבין ר׳ מאיר מפרמישלאן זי״ע געווען א רב, און ר׳ מאיר האט אים מכבד געווען מיט א עלי׳, פאר ער האט געמאכט די ברכה אויף די תורה האט אים די רבי דער צדיק רבי מאיר׳ל מפרמישלאן זי״ע געפרעגט א שאלה, ״וואס איז בלק געווען א איד, אדער א גוי״, דער רב האט געזאגט, אז מסתמא איז ער געווען א גוי, האט אים רבי מאיר׳ל געפרעגט, אויב אזוי ווי פאסט עס אז די תורה זאל א נאמען געבן פאר א הייליגע פרשה אין די תורה מיטן נאמען פון א גוי,

נאר איך וועל דיר דאס מסביר זיין מיט א מעשה וואס איך האב געהאט ביי מיין רבין הרה״ק רבי מרדכי מקרעמניץ זי״ע, איינמאל בין איך געפארן צוזאמען מיט א חבר צום רבין הרה״ק מקרעמניץ זי״ע, און אויפן וועג האט זיך אראפגעלאזט א שרעקליכע רעגן אז עס איז נישט געווען קיין מעגליכקייט ווייטער צו פארן,

האבן מיר געזיכט א פלאץ ווי צו איבער נעכטיגן, ווען אונז האבן מיר אריין געקלאפט אין איין שטוב, האט א גוי אויף געמאכט די טיר, אונז האמיר געוואלט אוועק גיין פונעם שטוב וויבאלד מיר האבן נישט געוואלט איינשטיין ביי א גוי, אבער דער גוי האט זיך זייער געבעטן אויב מיר קענען אפשר יא דארט בלייבן איבער נעכטיגן, און ער האט אונז געגעבן א שיינעם פלאץ ווי צו איבער נעכטיגן, און אונז האמיר מסכים געווען אין איבער גענעכטיגט אינעם שטוב פונעם גוי,

צופרי ווען מיר זענען אוועק געגאנגען, איז געווארן א מחלוקה צווישן מיר מיטן חבר, דער חבר האט געזאגט, ״דאס איז א ערליכער גוי״, אבער איך האב געזאגט, ״דאס איז א אומערליכע גוי״, האבן מיר אפ געמאכט צו פרעגן דעם רבין רבי מרדכי מקרעמניץ, אז ער זאל זאגן ווער עס איז גערעכט, און ווען מען איז אנגעקומען צום רבין קיין קרעמניץ, האבן מיר פאר געלייגט אונזער מחלוקה,

האט די רבי ר׳ מרדכי מקרעמניץ זי״ע מיך געפרעגט, פארוואס איך זאג אז ער איז א אומערליכע גוי, האב איך געזאגט, אז דאס איז בפירוש על פי מאמר רשב״י, וואס דארט ווערט געברענגט די מאמר, ״הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב״,

קומט דאך אויס, אז אויב דער גוי וואלט אונז מרחק געווען וואלט ער געטון לויט די הלכה, דאן וואלט מען געקענט זאגן אז ער איז ״א ערליכע גוי״, אבער וויבאלד דער גוי האט אונז מקרב געווען, קומט דאך אויס אז ער האט געטון קעגן די הלכה, און דערפאר איז ער א

אומערליכע גוי, און הרה"ק מקרעמניץ זי"ע האט געזאגט אז איך בין גערעכט.

יעצט לגבי בלק, ער האט דאך גאנץ גוט געוויסט אז אידישע קינדער זענען אנגעזאגט געווארן "על תצר את מואב" אז מען זאל זיך נישט פארטשעפענען מיט מואב, איז פארוואס האט ער גערינגען דעם בלעם צו קומען שעלטן די אידישע קינדער, ער האט דאך נישט געהאט וואס מורא צו האבן פון די אידן אז זיי וועלן עפעס טון פאר אים.

נאר ער האט געמיזט טון ווי די הלכה איז, אז "עשו שונא ליעקב", און דערפאר האט ער געריפען דעם בלעם צו שעלטן די אידן, דערפאר איז בלק געווען "א ערליכע גוי" און מיט א ערליכע גוי מעג מען אנהייבן די סדרה.

דער תלמיד רבי מאיר מפרמישלאן זי"ע האט אמאל יו"ט שבועות געזאגט, היינט איז מיר קלאר געווארן די ווערטער וואס מיין רבי, רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע האט אמאל געזאגט, און רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע דערציילט,

איינמאל בין איך געפארן מיט מיין רבין אין א ווינטער טאג, און דער וואגן איז אנגעקומען צו א שיפע בארג, און עס איז געווען א גרויסע סכנה אז דער וואגן זאל זיך נעמען גליטשן און עס זאל זיך איבערקערן, און וויבאלד איך בין נאך געווען יונג, האב איך געוואלט גלייך אראפ שפרינגען פונעם וואגן פון גרויס פחד, האט מיך דער רבי אן געכאפט און געזאגט, זעץ דיך אראפ, עס וועט גארנישט פאסירן, און אזוי איז טאקע געווען מיר זענען דורך דעם בארג בשלום,

דערנאך זענען מיר געפארן אויף א גראדן וועג, און פלוצלונג האט זיך דער וואגן איבערגעקערט, און מיר זענען אלע אריינגעפאלן אין די שניי, דאן האט זיך די רבי צעלאכט און געזאגט, "זעהסטו", איך האב דאן נישט פארשטאנען וואס די כוונה פון דעם רבין'ס ריידט, און וואס ער האט געמיינט צו זאגן מיט די ווארט "זעהסטו",

אבער היינט שבועות אינדערפרי פארן דאווענען האב איך פארשטאנען זיין כוונה, ווייל ער האט מיר געוואלט אויסלערנען א דרך אין עבודת השם, אז אויב א איד גייט ארום כסדר מיט א פחד אז ער קען חלילה אריינפאלן אין די נעץ פון דעם יצר הרע, וואס ער שטעלט כסדר אונטער זיינע פיסלעך, דאן העלפט דער אויבערשטער אז ער זאל נישט אריינפאלן אין זיינע הענט,

אבער דער וואס רעדט זיך איין, אז ער גייט אין גראדע וועגן און עס פאלט אים גארנישט איין אז ער דארף מורא האבן פון דעם יצר הרע, אז ער זאל ח"ו נישט אריינפאלן אין זיין נעץ, דער מענטש קען אריינפאלן אין די נעץ פונעם יצר הרע, ווייל א איד ברויך כסדר זיך שטארקן אין זיין אמונה און אייביג וויסן, אז נאר מיטן כוח פון אמונה אינעם באשעפער קען א איד זיך האלטן און לוחם זיין קעגן דעם יצר הרע.

דאס האט מיר מיין הייליגער רבי געוואלט זאגן, אז ווען מען איז געגאנגען אויף א שיפע בארג און עס האט אוויסגעזעהן אז מען גייט אראפ פאלן, דאן האט מיר די רבי געזאגט "זעץ זיך אראפ", אבער שפעטער ווען מיר זענען געגאנגען אויף א גראדע וועג און זיך געפילט זיכער אז מען קען נישט אראפ פאלן, דאן איז מען יא אראפ געפאלן, און דערפאר האט מיר די רבי געזאגט "זעסטו, אשרי אדם מפחד תמיד".

הגה"ק רבי יוסף שאול נאטענזאהן בעל שואל ומשיב מלעמבערג זי"ע, האט אמאל געטראפן אן אייניקל פון הרה"ק רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע, האט ער אים דערציילט אז דער זיידע מקרעמניץ האט פון אים אויס געריסן אלע אדערן פון התנגדות צום דרך החסידות, און אים דערציילט ווי פאלגענד,

אז ווען דער הייליגער שואל ומשיב זי"ע איז נאך געווען 17 יאר אלט, און האט געוואוינט אין א שטעטל אין גאליציה, איז דארט אין שטעטל געווען אסאך חסידים וואס פלעגן פארן זיך מסתופף זיין בצלו פון די הייליגע תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע,

און דער גאון זייענדיג א גרויסע מתנגד פון דעם דרך החסידות, האט דאס אים זייער געשטערט, ווייל ער האט נאך אזוי ווי אנדערע גדולים געהאלטן אז די דרך החסידות איז א שטער פאר עבודת השם,

דערפאר פלעגט דער גאון מוסיף זיין שיעורים און פאר לערנען גרויסע פלפולים און זיי געוויזן דאס גרויסקייט פון לערנען תורה, און דאן פלעגט ער רעדן קעגן די דרך החסידות, און מיט דעם האט ער געמיינט, אז ער האט אויס געריסן פון די אידן פון די שטאט דעם דרך החסידות,

איינמאל איז צום שטאט געקומען דער צדיק רבי מרדכי מקרעמניץ זי״ע אויף א שבת, האט דער גאון זיך פארגעשטעלט אז רוב מענטשן פונעם שטאט וועלן זיכער נישט גיין צו דעם רבין, אבער ווי ערשטוינט איז ער געווען ווען שבת אויפדערנאכט האט ער ביי זיך אין ביהמ״ד נישט געהאט קיין מנין, און דאס זעלבע איז געווען שבת אינדערפרי,

האט דער גאון געטראכט, אז ער וויל גיין זעהן די עבודה פון דעם רבין רבי מרדכי מקרעמניץ זי״ע, און ווען ער איז אנגעקומען האט מען געהאלטן אינמיטן דאווענען שחרית, האט זיך דער לעמבערגער רב צוגעשטיפט צום רבין און אויף געהויבן דעם טלית, און דאן האט דער הייליגער קרעמניצער צדיק געהאלטן ביי נשמת און געדאווענט אין א סידור האריז״ל,

דערציילט דער גאון דער הייליגער שואל ומשיב זי״ע, אז ער האט געזען דעם צורה פונעם צדיק און עס איז ממש געווען א התפשטות הגשמיות, און מען האט געזען ווי דער צדיק איז בכלל נישט אויף דער וועלט, דערציילט דער גאון אז ער איז גלייך געפאלן חלשות, און ווען מען האט אים דערמינטערט, האט ער שוין מער נישט געקענט עסן דעם סעודת שבת, ווייל דעם צורה פונעם צדיק איז געשטאנען פאר זיין פנים און ער האט דאס נישט געקענט מער פארגעסן,

ביי שלש סעודות איז דער גאון נאכאמאל צוריק געגאנגען צום ביהמ״ד פון דעם קרעמניצער רבי, דאן האט ער געהאלטן אינמיטן זאגן זיין דברי תורה, אבער אזוי ווי דער גאון האט אריינשפאצירט און עס איז געווען טונקעל, האט דער צדיק אפ געשטעלט די דברי תורה, און אנגעהויבן זאגן די ווערטער,

״עס זענען דא לומדים וואס לערנען תורה, אבער אנשטאט דעם וואס זיי זאלן ווערן דערהויבן און זיך דערנענטערן צו די קדושה, קומט דאס פארקערטע, און זיי ווערן דערוואטערט פון די קדושה, ווייל זיי לערנען מיט גאווה און ברייטקייט, און דערוועגן דערווייטערט זיך השי״ת פון בעלי גאווה״,

האט דער גאון געזאגט, אז ער האט גלייך מרגיש געווען, אז דער צדיק רעדט צו אים, און וויל אים מעורר זיין לתשובה, און מיט די ווערטער און מיטן זעהן די צורה ביים דאווענען, האט דער קרעמניצר צדיק אויס געריסן פון אים דאס גאנצע התנגדות צו דעם דרך החסידות.

ווי באקאנט האט דער צדיק וקדוש רבי מרדכי מקרעמניץ זי״ע געדאווענט מיט א געוואלדיגע איינגעהאלטענקייט און נישט ארויס געוויזן קיין גרויסע התרגשות בשעת׳ן דאווענען, אבער איין מאל האט זיך דער צדיק זייער צעפייערט ביים דאווענען, פארשטייט זיך אז די חסידים זענען ארויס פון התפעלות פון דעם ברען פונעם צדיק,

אבער גלייך נאכן דאווענען האט דער צדיק וקדוש געזאגט מיט זיין גרויס עניוות בזה״ל, ״יראה עילאה האט דער הייליגער רבי ר׳ בער המגיד ממעזריטש זי״ע געהאט, דער טאטע האט אויך געהאט אביסל יראה עילאה, אבער איך האב מיך נאר דערמאנט פון די יראה פונעם מגיד און פונעם טאטן, און דערפאר האב איך מיך דערשראקען״,

צום גרויסן צדיק רבי מאיר׳ל מפרימישלאן זי״ע איז אמאל אנגעקומען אן עלטערן איד פון די שטאט ״קרעמניץ״, און ווי באקאנט איז דאך רבי מאיר׳ל געווען א תלמיד פון הרה״ק רבי מרדכי׳לע קרעמניצער זי״ע, האט אים רבי מאיר׳ל שטארק מכבד געווען ווייל דער איד האט געקענט זיין רבי, רבי מרדכי׳לע, און ווען רבי מאיר׳ל האט אים געפרעגט, היות איר האט דאך געקענט מיין רבי׳ן, בעט איך אייך, דערציילט מיר עפעס פון מיין רבין,

האט דער אלטער איד אנגעהויבן צו דערציילן פון רבי מרדכי׳לע׳ס יונגע יארן, אין בית המדרש פונעם מגיד מזלאטשוב זי״ע איז געווען אן עדה קדושה פון חסידים ואנשי מעשה וואס האבן געדאווענט גאר ערליך מיט א התלהבות דקדושה, אזוי ווי מען שטייט פאר׳ן מלך מלכי המלכים הקב״ה,

דארט אין בית המדרש האט זיך געפינען א יונגערמאן וואס האט זיך פארפרומט, און ווען יעדער איינער האט שוין געענדיגט דאווענען, איז דער יונגערמאן געשטאנען און זיך געשאקלט מיט מאדנע תנועות און געדאווענט מיט קולות,

די קינדער וואס האבן אויך דארט געדאווענט, האבן אנגעהויבן צו מאכן ליצנות פון דעם יונגערמאן, און זיי האבן אנגעהויבן צו ווארפן טליתים אויף אים, דארט האט זיך אויך געפונען דעם הייליגן רבי׳נס זון הרה״ק רבי מרדכי׳לע זי״ע, און ער האט געגעבן דעם איד א שטופ, דער איד איז אריינגעלאפן צום הייליגן מגיד

מזלוטשוב און אים דערציילט וואס ער ליידט זיך אפ פון די קינדער, און בפרט פון רבי'נס זון, דער קליינע מרדכי'לע.

דער הייליגער מגיד האט געלאזט ריפן זיין זון מרדכי'לע און אים געפרעגט, וואס ווילסטו פון דעם איד, זאגט מרדכי'לע פאר זיין הייליגן טאטן, "טאטע יעדער דאווענט ערליך, פארוואס דארף פונקט ער מאכן אזעלכע מאדנע תנועות און קולות, זאל ער דאווענען אזוי ווי דער טאטע דאווענט מיט קדושה וטהרה, אבער מיט איינגעהאלטנהייט, אן קולות און תנועות".

זאגט אים דער טאטע, "מרדכי'לע, וועגן דעם טשעפעט מען נישט א איד, אפשר האט ער מחשבות וואס שטערן אים ביים דאווענען, און כדי פטור צו ווערן דערפון, האקט ער און שרייט כדי ער זאל אוועקשטופן די נישט גוטע מחשבות", זאגט מרדכי'לע צום טאטן מיט אן אויסטערלישע התרגשות און איבערגענומענקייט, "קען דען זיין אז ווען א איד שטעלט זיך אוועק דאווענען פאר'ן אויבערשטן, דער רבון כל המעשים אדון כל הנשמות, האט ער אינזין אנדערע מחשבות אז ער זאל זיי דארפן אוועק שטופן, מען דארף דאך זיין ביים דאווענען אינגאנצן באהאפטן צום אייבערשטן".

אויף דעם האט אים דער טאטע דער הייליגער מגיד מזלאטשוב זי"ע געזאגט, "מיין טייער קינד, פאר דיר איז טאקע לייכט זיך אוועק צושטעלן אן קיין שום מחשבות זרות ביים דאווענען, ווייל דו ביסט מיין קינד, און מיינע עלטערן זענען אין אלע דורות געווען קדושים וטהורים, און מען האט פאר דיר ממשיך געווען א הייליגע נשמה, וואס ווען דו שטעלסט דיך אוועק דאווענען האסטו נאר אינזין השי"ת, און אלע ווערטער פון דאווענען, אבער נעבעך פאר דעם איד איז עס ביטער שווער צו קענען דאווענען מיט ריינע מחשבות, מוז ער זיך שטארק אן שטרענגען צו קענען אינזין האבן יעדעס איינציגע ווארט".

האט דער אלטער קרעמניצער איד אויסגעפירט פאר רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע, אזעלכע הייליגע מדריגות האט שוין רבי מרדכי'לע געהאט אלס קליין קינד, נישט אינזין צו האבן קיין שום אנדערע מחשבות ביים גאנצן דאווענען.

דער צדיק וקדוש רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע האט געהאט א מנהג קדוש, אז ער האט זיך קיינמאל נישט איינגעבויגן חוץ ווען ער האט זיך געביקט ביים דאווענען, כדי צו מקיים זיין דעם פסוק (מגילת אסתר ג' ב') וּמָרְדֳּכַי לֹא יִכְרַע וְלֹא יִשְׁתַּחֲוֶה, און דער צדיק האט אויף דעם קיינמאל נישט מוותר געווען.

איין יאר בעפאר סוכות איז א אתרוג סוחר געקומען מיט גאר שיינע אתרוגים, און ער האט געגעבן פארן צדיק רבי מרדכי'לע זיך אויסצוווועלן א שיינעם אתרוג, און ווען דער צדיק האט געטראפן א אתרוג וואס האט אים זייער געפאלן, האט דער צדיק געוואלט באצאלן פארן אתרוג סוחר.

אבער פונקט דאן איז דער משמש נישט געווען אין שטוב, און דאס געלט איז געלעגן אין א קעסטל אינטן אויף דער ערד, און וויבאלד דער צדיק האט זיך נישט געוואלט איינבייגן, האט ער געבעטן דעם אתרוג סוחר, אז ער זאל ווארטן ביז דער משמש קומט, און ער וועט אים שוין באצאלן, אבער דער אתרוג סוחר האט נישט געוואלט ווארטן ביז דער משמש קומט, און בלית ברירה האט דער צדיק אליין זיך אראפ געבויגן צו נעמען דאס געלט, ליידער האט דער אתרוג סוחר נישט מאריך ימים געווען, און נאך אינעם חודש ל"ע נפטר געווארן.

עס איז באקאנט אז דער קרעמניצער מגיד רבי מרדכי'לע האט געהאט אן איידעם הרה"ק בעל בית אהרן מקארלין זי"ע, דער בית אהרן האט זיך משדך געווען מיט דעם קדוש ישראל מרוזין, דער רוזינער'ס זון הרה"ק רבי אברהם יעקב מסדיגורא זי"ע איז געווארן אן איידעם ביים הייליגן בית אהרן פון קארלין.

ווען עס האט זיך געהאנדלט וועגן דעם שידוך, האט דער רוזינער פארלאנגט א גרויסן סכום "נדן" פאר זיין זון רבי אברהם יעקב מסדיגורא, אבער דער בית אהרן האט נישט מסכים געווען, אזוי אז דער הייליגער רוזינער האט בלית ברירה מסכים געווען אויף דעם קליינעם סכום, און דער שידוך איז געשלאסן געווארן בשעה טובה ומוצלחת.

נאך עטליכע יאר וואס דער סאדיגורער רבי איז געווען אן איידעם ביי דעם הייליגען בית אהרן זי"ע, האט דער הייליגער רוזינער זי"ע געפרעגט זיין מחותן דעם בית אהרן, "איז דען נישט געווען כדאי צו געבן דעם נדן וואס איך האב פון אייך פארלאנגט, פאר אזא כלי מפואר וואס איר האט באקומען", ענטפערט דער בית אהרן פאר זיין מחותן, "ניין, עס האט זיך נישט געלוינט צו געבן

דעם גרויסן סכום, און דאס וואס איך האב יא געגעבן, איז אויך געווען צופיל".

דער רוזינער איז געווען איבערראשט און ערשטוינט פון דעם בית אהרן'ס ענטפער, אבער דער בית אהרן האט תיכף געגעבן צו פארשטיין פאר'ן רוזינער, איך וועל אייך זאגן, טייערער מחותן, ווען איך בין געזעסן אויף קעסט ביי מיין הייליגן שווער, רבי מרדכי קרעמניצער זי"ע, האט זיך אמאל געמאכט ביי א מלוה מלכה, אז מיין שווער האט גענומען מיין טאכטער זיין אייניקל הצדקנית מרים ע"ה, אייער יעצטיגער שנור, אויף זיין שויס, בשעת ער האט געזונגען דעם זמר "אמר ד' ליעקב", און ער זאגט פאר זיין אייניקל, "דיין מאן וועט הייסן יעקב, און ער וועט בעזרת השם זיין א מלך ישראל".

בשעת מען האט מיר גערעדט שידוכים פאר די טאכטער, האב איך גלייך געהערט צי מען רעדט מיר א "יעקב", און אויב האט ער נישט געהייסן יעקב, האב איך בכלל נישט אויס געהערט דעם שידוך, און ווען מען האט מיר שוין יא גערעדט א "יעקב", האב איך באטראכט דעם יעקב צי ער איז ראוי צו זיין א "מלך ישראל".

זעצט פאר דער הייליגער בית אהרן זי"ע, ווען מען האט מיר גערעדט אייער הייליגן זון רבי אברהם יעקב, און איך האב געזען אז ער איז טאקע ראוי צו זיין א מלך ישראל, האב איך שוין געוואוסט אז ער איז דער ריכטיגער זיווג פון מיין טאכטער, ממילא האב איך געוואוסט אז דער שידוך וועט ממילא ווערן, אויב אזוי פארוואס זאל איך געבן א גרויסער נדן ווען איך ווייס ממילא אז דער שידוך וועט ווערן, איז דאך יעדע פרוטה איבריג צו געבן.

אויפן זיידן הרה"ק רבי משה מזבריש זי"ע הי"ד דערציילט מען, אז ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א עובד השם בקדושה וטהרה, ער איז געווען א נחבא אל הכלים און זיך פראבירט צו באהאלטן מיט זיין גדלות בתורה און קדושה, אבער ווען דער רב אין שטאט סווארזי איז נסתלק געווארן, האבן די אידן פון שטאט אויף גענומען דעם צדיק וקדוש אלס ממלא מקום, און דאן איז זיין נאמען נתפרסם געווארן אינעם גאנצן געגענט, און אידן האבן ביי דעם צדיק וקדוש געזען גרויסע מופתים און ישועות.

אבער לײדער איז דארט אין שטאט געווען א פריץ א גרויסע רשע, און אזוי ווי דער דרך איז דאן געווען האבן די פריצים געקענט טון מיט די אידן וואס זיי האבן געוואלט, און ווען דער פריץ האט געהערט פון דעם נייעם רב וואס איז א גרויסע בעל מופת, האט ער דאס נישט געקענט אויסהאלטן,

איין ערב שבת קודש ווען דער רב רבי משה זי"ע האט זיך געגרייט צום הייליגן שבת, האט דער פריץ געשיקט איינע פון זיינע באדינער'ס, אז ער זאל ברענגען דעם רב צו אים אין שטוב, און דער פריץ דער רשע האט געזאגט פארן צדיק, איך הער שמועות פון די אלע מופתים וואס די באווייזט פאר די אידן דא אין שטאט, אבער איך גלייב נישט אז דאס איז אמת, נאר דאס איז זיכער כישוף, און דערפאר האט אים דער פריץ געגעבן צוויי אפציעס, אדער רח"ל אן נעמען די קריסטליכע גלויבן, אדער וועט ער אים רח"ל אומברענגען,

דער צדיק וקדוש האט אפילו נישט געטראכט קיין צוויי, נאר האט תיכף געזאגט פארן פריץ, די קענסט מיט מיר טון וואס די ווילסט, אבער מיין אידישע גלויבן וועל איך נישט פאר קיין שום זאך אויפגעבן, דער רשע האט נישט געקענט אויסהאלטן די חוצפה פון דעם איד, און ער האט גלייך געהייסן מען זאל דעם איד ארויס טראגן און רח"ל אומברענגען,

ווען די אידן פון שטאט האבן זיך דערוויסט וואס עס ווארט אפ פאר זייער הייליגן רב, זענען זיי אלע געלאפן צום שטוב פונעם פריץ, און מען האט זיך איינגעבעטן ביים פריץ אז ער זאל דעם רב נישט אומברענגען, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן, און לײדער ערב שבת קודש ממש בעפאר דעם זמן שבת, האט מען אומגעברענגט מיט א מיתה משונה דעם צדיק וקדוש אויף קידוש השם, און אסאך צדיקי הדור ובתוכם הרה"ק רבי ברוך בעל עמוד העבודה מקאסוב זי"ע האבן דאן גאר שטארק באוויינט די אבידה פון אזא איש קדוש מאוד, דורך די הענט פון די רשעים די רוצחים ימ"ש, הי"ד,

**יארצייט**
**דאנערשטאג י"ד תמוז**

**הגה"ק רבי חיים אברהם ב"ר מרדכי זי"ע,**
**(ארענשטיין), בעל דברי אברהם,**
**אב"ד טיסא-בוא, באַרדיוב,**

ער איז געבוירן אין שטאט פרשבורג, בשנת תקע"ג,

צו זיין טאטן הגה"ק רבי מרדכי זי"ע,
און צו זיין מאמע הצדקת מרת פיגלא ע"ה,

ביים ברית האט מען פארן קינד א נאמען געגעבן אברהם, אבער סוף ימיו איז דער צדיק ליידער זייער קראנק געווארן, האט מען אים צו געגעבן דעם נאמען חיים אלס א סגולה פאר אריכת ימים, און דער צדיק איז טאקע דאן געזונט געווארן,

ער איז געווען א גאון הגאונים מפורסם און א צדיק יסוד עולם און א פה מפיק מרגליות, ער איז געווען א חריף ובקי נפלא בכל מקצועות התורה, צדיקים וגאונים בדורו האבן געזאגט אויף דעם צדיק, אז ער איז געווען א צדיק בדרכיו וצמיד במעשיו און א בעל מופת עצום און א גאר גרויסע פועל ישועות, ער האט מיט א מסירת נפש מחזק געווען די מנהגים וואס מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים און מקפיד געווען אויף יעדע הלכה אין שולחן ערוך מיט א געוואלדיגע ערליכקייט,

ער איז געווען א עניו כהלל און פון זיך בכלל נישט געהאלטן, ער האט פראבירט דאס בעסטע און נישט געוואלט נעמען קיין רבנות שטעלע, דער צדיק האט עוסק געווען בתורה ועבודת השם יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה וקדושה, זיין עבודת התפלה איז געווען מיט דמעות שליש, אויך שבת קודש און ימים טובים האט דער צדיק אראפ געלייגט זיינע הייליגע תפילות בדמעות שליש, און דורך זיינע געהויבענע תפילות האט ער אסאך אידישע קינדער מעורר געווען צו תשובה ותיקון המעשים, ורבים השיב מעון,

אלס קליינע בחור זייענדיג שוין דאן א גאון וחריף בתורה, איז ער געפארן לערנען תורה אין די גרויסע ישיבה פון הגה"ק רבי משה סופר בעל החתם סופר מפרשבורג זי"ע, און דארט האט דער יונגער גאון עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, מען האט דעם בחור כמעט נישט געטראפן עוסק זיין אין עפעס אנדערש חוץ תורה און עבודת השם, און דערפאר האט ער זוכה געווען צו א געוואלדיגע חביבות פון זיין גרויסן רבין דער חתם סופר זי"ע, וואס האט שוין דאן געזען זיין גדלות ובקיאות בתורה,

אבער ליידער איז פארן גאון געווען באשערט חיי צער, און ביי די 15 יאר איז דער גאון ליידער געווארן א קאלעכיגע יתום ר"ל, ווען ער האט פארלוירען ביידע פון זיינע עלטערן רח"ל, מען קען זיך נישט פארשטעלן די צער וואס דער גאון האט געהאט ביים פארלירען זיין טאטע וואס איז געווען אליין א גאון בתורה און א איש קדוש מאוד, און צו דעם נאך זיין מאמע די צדקת וואס האט אים אויף געצויגען, אבער דער גאון האט געטראפן זיין טרייסט אין די תורה, און דאן האט ער זיך נאך מער אריין געווארפן אין ים התלמוד,

ביי די 15 ווען ער איז געווארן א יתום, איז דער גאון רבי חיים אברהם זי"ע געפארן צוזאמען מיט זיין ידיד נפש הגה"ק רבי יעקב שלום סופר ראב"ד טאפאלשאן זי"ע לערנען קיין אובן ישן ביי הגה"ק רבי צבי הירש חריף העללער בעל טיב גיטין זי"ע, און דארט האט דער גאון געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה און געשטיגען אין תורה,

דארט האט דער גאון געלערנט פאר דריי יאר אין א געוואלדיגע דחקות, עס איז דאן נישט דורך א נאכט שפעטער ווי איינס א זייגער וואס דער גאון איז נאך געשלאפן, ער איז דאן שוין אויף געווען און עוסק געווען בתורה ועבודת השם מיט א מסירת נפש ממש, ער איז שוין דאן געווען מפורסם מיט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה,

אבער שפעטער איז דער גאון צוריק לערנען ביים הייליגען חתם סופר זי"ע קיין פרשבורג, און דארט איז דער גאון באוויסט געווארן מיט זיין גדלות בתורה, און זיין רבי דער חתם סופר האט מוראדיג מחבב געווען דעם תלמיד און ער איז געווען א בן בית ביים חתם סופר אין שטוב,

אויך איז דארט אין פרשבורג געווען א גביר א נגיד הגה"ק רבי יחיאל מיכל קיצע בעל שלמי נדבה זי"ע וואס האט געזען דעם גדלות פון דעם גאון רבי חיים אברהם זי"ע, און ער האט דעם גאון אויס געהאלטן מיט אלעם וואס ער האט געברויכט, כדי ער זאל קענען זיצן אין לערנען אן קיין דאגה פון פרנסה.

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת שרה רחל ע"ה,

בת הנגיד הגה"ק רבי נתן אליהו עהרמאן בעל כתב עני דומ"ץ אורשא זי"ע,

זיין שווער איז געווען א גרויסער עושר און ער האט געגעבן פארן איידעם א גרויסע סכום געלט אז ער זאל קענען דורך דעם ווייטער עוסק זיין אין תורה ועבודת השם, און צוליב דעם איז דער גאון גאנץ אנפאנג נאך די חתונה געווען א גרויסער עושר, און ער האט בשום אופן נישט געוואלט נעמען קיין רבנות שטעלע, נאר ער האט עוסק געווען בתורה ועבודה מיט א געוואלדיגע התמדה, און גאר אסאך געלט אויסגעגעבן צו ארויס העלפן ארימע אידן,

דארט אין שטאט אורשא האט געוואוינט א נגיד מוה"ר יחיאל ז"ל וואס האט געהאנדעלט מיט קויפן און פארקויפן אקסען, האט דער גאון רבי חיים אברהם און אויך זיין שווער רבי נתן אליהו געגעבן פאר דעם רבי יחיאל געלט איינצוקויפן אקסען און זיי וועלן זיך צעטיילען מיט די ריווח, און מיט דעם וועלן זיי האבן שיין פרנסה, און דער איידעם וועט נישט ברויכן נעמען קיין רבנות שטעלע,

צוויי יאר נאך די חתונה איז דער גאון צוריק געפארן באזיכען זיין רבין דעם הייליגער חתם סופר זי"ע, און ער איז דארט געזעצן פאר אפאר וואכן און זיך מסתופף געווען בצלו פון זיין רבין, און ווען ער איז זיך געגאנגען געזעגענען פון זיין רבין, האט דער הייליגער חתם סופר געזאגט פארן תלמיד, "איך וועל דיר נאכשיקן דעם היתר הוראה צו דיר אין שטוב", האט דער תלמיד געפרעגט זיין רבין, פארוואס ברויך איך א היתר הוראה, איך האב דאך פרנסה און איך וויל נישט נעמען קיין רבנות, נאר איך וויל בלייבן עוסק זיין בתורה ועבודת השם אן קיין שטער,

האט די רבי דער הייליגער חתם סופר זי"ע געזאגט פארן תלמיד, "זיי קיין נער איך ווייס בעסער ווי די, די ברויכסט קיין געלט, און וועסט ניקס האבן קיין געלט", האט דער תלמיד אנגעהויבן זייער וויינען און זיך געבעטן ביי זיין רבין, אז ער וויל נישט קיין רבנות, אבער דער הייליגער חתם סופר האט איבער געזאגט נאכאמאל, "פאהר געזונטערהייט, די היתר הוראה ווערדע דיר נאך שיקן", און דער גאון איז אהיים געפארן,

גלייך ווען ער איז אנגעקומען אהיים, איז דער נגיד רבי יחיאל אנגעקומען און צובראכענערהייט דערציילט, אז מען האט אים בא'גנב'ט דאס גאנצע געלט אין די מארק, און ער איז געבליבן בעירם ובחוסר כל, דאן האט דער גאון געזען אז די ווערטער פונעם הייליגען חתם סופר זי"ע ווערט מקוים,

זיי זענען געפארן דאן צוזאמען צום יריד צו פראבירן חוקר זיין וועגן די גניבה, און זעהן אויב מען קען צוריק באקומען כאטש א חלק פון די געלט, אבער אויפן וועג האט דער גאון רבי חיים אברהם זי"ע זיך געטראפן מיט א גרויסע תלמיד חכם פון די שטאט טיסאבוא, און די צוויי האבן פארברענגט אין תורה, און דער תלמיד חכם איז ממש נתפעל געווארן פון דעם גדלות פון דעם יונגען תלמיד חכם,

זענען זיי שוין געבליבן אויף שבת קודש אין שטאט טיסאבוא, און אפאר וואכן בעפאר איז דער רב אין שטאט נסתלק געווארן, האט מען שבת קודש מכבד געווען דעם גאון רבי חיים אברהם מיט א דרשה אין ביהמ"ד, און די גאונים דארט אין שטאט זענען זייער נתפעל געווארן פון דעם גאון, און מען האט אים דאן אויף גענומען גלייך נאך שבת אלס רב ביי זיי אין שטאט, און אפאר טאג שפעטער איז אנגעקומען די היתר הוראה פונעם הייליגען חתם סופר זי"ע,

עס ווערט דערציילט לגבי די גדלות פון דעם גאון, אז ווען ער האט געברויכט האלטן א דרשה ביי זיך אין שטאט, האט ער זיך בכלל נישט מעיין געווען אדער צוגעגרייט, נאר ארויף אויפן ארון הקודש און געזאגט דעם דרשה, און יעדעס מאל עקסטער זענען די גאונים דארט אין שטאט ממש ארויס פון התפעלות פון זיין גדלות.

סוף ימיו איז דער גאון געווארן רב אין שטאט באדריוב, און דארט איז דער גאון געבליבן ביז צו זיין הסתלקות, אבער ווי דער גאון איז נאר אנגעקומען האט מען גאר שנעל געזען, אז מען רעדט דא פון א גאון וגדול בתורה, ער האט מיט א מסירת נפש מרביץ תורה געווען און זיך זיין גאנץ לעבן מיגע געווען אויף תורה ועבודת השם,

דער גאון רבי חיים אברהם זי"ע האט געהאט א געוואלדיגע קרבה יתירה ביים הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע וואס האט גאר שטארק מעריך געווען דאס גדלות בתורה פון דעם גאון, האט פאסירט איינמאל אין שטאט באדריוב, ווען עס איז געווען דארט א שוחט א צאנזער חסיד, וואס דער גאון רבי חיים אברהם האט געהאלטן, אז ער איז נישט ראוי צו זיין דער שוחט, און דער גאון וואס האט זיך נישט דערשראקן פאר קיינעם און האט מקיים געווען דעם לֹא תָגוּרוּ מִפְּנֵי אִישׁ, און נאר געטון אלעס מיטן אמת, האט דאן אפ געזאגט דעם שוחט פון זיין פאסטן,

אבער ווען דער שוחט איז געלאפן זיך אפ רעדן צו זיין רבין דער צאנזער רב זי"ע אז מען האט אים אפ געזאגט פון זיין פאסטן, האט דער צאנזער רב געשיקט א בריוו צום בארדיובער רב זי"ע לטובות דעם שוחט, אבער ווען דער גאון רבי חיים אברהם האט צוריק געשריבן צום הייליגען דברי חיים, אז אויב ער וויל קען ער דעם שוחט ממנה זיין אלס זיין שוחט, אבער ווי לאנג ער רבי חיים אברהם איז רב אין שטאט בארדיוב, וועט דער שוחט נישט דינען אלס שוחט, האט דער צאנזער רב זי"ע געזאגט בזה"ל, "אויב בארדיובער רב איז נישט מסכים, ווער בין איך צו זאגן אנדערש".

בשנת תרכ"ו ווען עס איז פאר געקומען די גרויסע כינוס הצדיקים, ווען גאר אסאך גדולים וצדיקי הדור זענען זיך צוזאמען געקומען, צו מחזק זיין די אידן החרדים וואס האבן זיך געוואלט האלטן צו אויס געטרעטענע וועג וואס מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים, האט מען דאן געשריבן א פסק פון אלע גדולים ווי אזוי מען זאל זיך פירן, וואס צווישן די גדולים איז געווען הגה"ק רבי הלל מקאלאמיא זי"ע, הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע, הגה"ק רבי חיים סופר מבודפעסט זי"ע, הרה"ק בעל ייטב לב מסיגוט זי"ע, און נאך אסאך גדולי הדור, איז דער גאון רבי חיים אברהם זי"ע אויך געווען צווישן די גדולים וואס האבן אונטער געשריבן אויפן פסק.

הגה"ק רבי יצחק צבי בעל שלחן העזר אב"ד טשאפ זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל איז דער גאון רבי חיים אברהם זי"ע געקומען צו זיין רבין דער הייליגער חתם סופר זי"ע, און זיך אפגערעדט, אז וויבאלד ער איז א רבי אין א גרויסע קהלה, שטערט אים דאס פון מחנך זיין זיינע קינדער, און ער האט געבעטן דעם רבין, אז ער זאל אים געבן א עצה ווי אזוי צו מצליח זיין מיט חינוך הבנים, אפילו זייענדיג דער רב אין דעם שטאט,

האט דער הייליגער חתם סופר זי"ע געזאגט, דוד המלך ע"ה זאגט (תהילים ל"ז כ"ו) כָּל הַיּוֹם חוֹנֵן וּמַלְוֶה וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה, איז שווער די לשון פון תהלים, "כל היום חונן ומלוה", עס וואלט געברויכט שטיין "בכל עת חונן ומלוה", און לכאורה אויך פון ווי זאל א צדיק האבן אזוי פיל געלט צו קענען אזויפיל בארגען געלט,

נאר די כוונה איז אז כל היום חונן ומלוה, אז א צדיק גיבט אוועק זיין צייט פאר די אידן פון זיין קהלה, וואס וועט דאן זיין מיט זיינע אייגענע קינדער, זאגט די פסוק ווייטער "וזרעו לברכה" אז בזכות וואס ער טוט אזויפיל פאר אנדערע אידן, וועט השי"ת משגיח זיין, אז די קינדער זאלן אויסוואקסן בתורה און יראת שמים.

אויך האט דער גאון דערציילט, אז ער פלעגט דאך דאווענען פארן עמוד ימים נוראים אין ביהמ"ד מיט די בחורים, איז געווען איין יאר וואס דער גאון רבי חיים אברהם זי"ע איז זייער קראנק געווארן אין עס האט נישט אויסגעזען אז ער וועט קענען דאווענען פארן עמוד, זענען די תלמידים געגאנגען צו זיין רבי דער הייליגער חתם סופר זי"ע און מזכיר געווען דעם תלמיד, אז זיי האבן נישט ווער עס זאל דאווענען פארן עמוד פאר די ימים נוראים, האט דער חתם סופר געזאגט "ר' אברהם וועט דאווענען", און לפלא האט דער גאון געדאווענט אלע תפילות כרגיל.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע חידושי תורה,
חידושי תורה אויף רוב מסכת הש"ס, און גאר אסאך שו"ת,
ספר דברי אברהם, וואס זיין אייניקל הגה"ק רבי יצחק טייטלבוים ראב"ד בארדיוב זי"ע האט ארויסגעגעבן נאכן פטירה פונעם זיידן,

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,
הגה"ק רבי ישראל מרדכי בעל מרום הרי"ם אב"ד בארדיוב/קערעסטיר זי"ע,
הנגיד מוה"ר משה נתן מק"ק זימגראד ז"ל,
מוה"ר מנחם מסטראפקוב ז"ל,
הנגיד מוה"ר ישכר בעריש מבדעוולא ז"ל,
חתנו הגה"ק רבי משה יהודה לעבאוויטש אב"ד זענטא זי"ע,

דער גאון האט בחייו געשריבן די נוסח המצבה, און אן געזאגט נישט צו שרייבן אנדערע שבחים אויסער וואס ער אליין האט געשריבן, און דאס איז די נוסח המצבה, פ"נ אברהם בן פיגלא, בבחרתו יגא מאוד בתורה מעוני והיה אב"ד ל"ב שנים, מסר נפשו וכבודו ופרנסתו כלדל בניו במקום תורה ויראת שמים והשתוקק מאד להחזיק עדתו בתהלוכת יהודית, פסוקי דזמרא סידר דמעות תודה ושמחה חסדי ד' הנוכחים עליו עין בעין, מאז נעשה יתום מאב ואם בן ט"ו שנים,

נסתלק לגנזי מרומים י"ד תמוז בשנת תרל"א ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין בארטפעלד וואס איז כהיום ברדיוב,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט**
**פרייטאג ט"ו תמוז**

**הרה"ק רבינו חיים בן עטר ב"ר משה זי"ע,**
**בעל אור החיים הקדוש,**

ער איז געבוירן אין שטאט סאלו אין מרוקו, בשנת תנ"ו, צו זיין טאטע החכם הרה"ק רבי משה זי"ע,
בן הגה"ק רבי חיים בן עטר זי"ע מגולי ספרד,

ווי באקאנט איז דא דריי גדולים און צדיקים וואס זענען געריפן געווארן מיטן טיטול "הקדוש", וואס איז א טיטול וואס איז נישט געשריבן געווארן אויף יעדן איינעם, און דאס מיינט אז די צדיקים זענען געווען גאר גרויסע קדושים,
דער של"ה הקדוש זי"ע,
דער אלשיך הקדוש זי"ע,
דער אור החיים הקדוש זי"ע,

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א איש אלקים רבן של ישראל דומה למלאך ד' צבקות, ער איז געווען א גאון הגאונים און א בקי בש"ס ופוסקים, און א בקי בתורת הנגלה והנסתר, ווי מען זעהט אין זיין הייליגע פירוש אור החיים הקדוש, וואס אלע צדיקים כאיש אחד האבן מעיד געווען, אז די תורה פונעם אור החיים הקדוש איז געווען תורה מפי הקב"ה, אויך איז ער געווען א גרויסע פועל ישועות און א בעל מופת עצום,

ער האט אסאך פון זיין תורה געלערנט ביי זיין זיידן הגה"ק רבי חיים בן עטר זי"ע, און ווי דער אור החיים הקדוש זי"ע שרייבט אין די הקדמה אויפן ספר חפץ ד' בזה"ל, "וישבתי ללמוד תורה מפי מורי ורבי הרב המפורסם אדוני זקני מורי אשר נודע בשרים שמו המופלג החסיד העניו כמוהר"ר חיים בן עטר זלה"ה, אשר מימיו שתיתי באר מים חיים, ובין ברכיו גדלתי, ובחיקו ישבתי מיום היותי, לשאוב מדבריו הטובים",

ער האט גאנץ אנפאנג עוסק געווען במסחר פאר פרנסה, און דאן האט ער געברויכט גיין פון שטאט צו שטאט, אבער שפעטער האט ער פארלוירן זיין פרנסה און געלעבט אין דחקות, און דאן האט ער אנגעהויבן מחבר זיין דעם ספר אור החיים הקדוש, צדיקים האבן מעיד געווען, אז דער אור החיים האט געהאט א התקשרות און שייכות מיט די בני משה וואס זענען געווען אויפן אנדערן זייט סמבטיון, דורך זיך שרייבן מכתבים כסדר,

איבער די גרויסע קדושה פונעם אור החיים הקדוש זעהט מען וואס הרה"ק רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע שרייבט אין זיין ספר נתיב מצותיך, אויף דעם אור החיים הקדוש זי"ע בזה"ל, "שמע בכל לילה תורה מפי הקב"ה, וגודל קדושתו אי אפשר לכתוב", אויך זעהט מען אין שו"ת פונעם הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע וואס איז מסופק אין די כשרות פון א שוחט וואס האט געזאגט אז די חיבור פונעם אור החיים הקדוש זי"ע איז נישט נתחבר געווארן מיט רוח הקודש,

ער האט חתונה געהאט מיט דעם טאכטער פון הנגיד רבי משה בן שם טוב בן עטר זי"ע, און דארט איז דער אור החיים הקדוש זי"ע געזעצן על התורה ועבודה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה,

אבער לימים האט מען אויפן שווער ארויף געלייגט א שווערע עלילה, וואס צוליב דעם האט דער אור החיים געברויכט אנטלויפען פון שטאט, און דאן האט דער אור החיים געלעבט אין א שרעקליכע דחקות, אבער דאס האט נישט צוריק געהאלטן דעם קדוש פון לערנען ווייטער און עוסק זיין בתורה אין עבודה און אויך גאר שטארק געוואקסן בתורה הנסתר,

דאן האט ער צוגענדיגט דעם ספר אור החיים הקדוש, וואס איז מקובל געווארן אין די גאנצע וועלט, און באלייכט די אויגן פון אידישע קינדער עד היום הזה, גאר א לאנגע צייט האט דער אור החיים הקדוש יענע צייט אזוי ארום געוואנדערט אין געווען נא ונד, פון איטאליא און אויך אין אנדערע מדינות ארום, און ווי דער צדיק איז אנגעקומען האט מען אים גאר שטארק מכבד געווען,

בשנת תק"ב האט ער אנגעהויבן מאכן די וועג ארויף קיין ארץ ישראל, און אויפן וועג איז ער אריבער אירופה, און דארט האט ער משלים געווען זיין חיבור פון אור החיים הקדוש, דורך די שטיצע פון 4 עשירים, וואס דער אור החיים הקדוש דערמאנט זיי אלע לשבח אונעם הקדמה צום ספר אור החיים.

בשנת תק"ב איז ער אנגעקומען קיין ארץ ישראל, קודם איז דער אור החיים הקדוש געווען אין גליל העליון מירון צפת טבריה, אבער צום סוף האט ער קובע געווען זיין וואוינונג אין ירושלים, און דארט האט ער געגרינדעט צוויי ישיבות, איינס איז געווען א ישיבה ווי מען האט עוסק געווען יומם ולילה אין תורת הנגלה, און אין דעם אנדערן ישיבה האט מען געלערנט תורת הנסתר.

און ווי זיין הייליגע תלמיד דער חיד"א זי"ע האט מעיד געווען בזה"ל, "שכל רואי פניו חשבוהו למלאך ד' צבקות, שהשכינה חופפת עליו כל היום".

אויך האט ער דארט אין ישיבה מדפס געווען דעם הייליגען ספר ראשית לציון, אויף אסאך מסכת הש"ס, און דארט האט ער געשריבן זאכן אויף הלכה למעשה, און ווי זיין תלמיד שרייבט אויף זיין רבי בזה"ל, "כי כל ספריו הוא אחד מעשרה מחכמתו, וחריפותו הפלא ופלא".

ווי עס איז באקאנט האט דער בעש"ט הקדוש זי"ע גאר שטארק געוואלט אנקומען קיין ארץ ישראל צום אור החיים הקדוש זי"ע, און געזאגט אז אויב ער וועט זיך טרעפן מיטן אור החיים הקדוש קענען זיי צוזאמען ברענגען די גאולה, אבער לײדער האט מען פון הימל אנדערש געוואלט, און דער בעש"ט האט געהאט אסאך שוועריקייטן און נישט געמאכט דעם וועג קיין ארץ ישראל.

אויך איז באקאנט אז דער שוואגער פונעם בעש"ט רבי גרשון מקיטוב זי"ע איז ארויף געקומען קיין ארץ ישראל, האט ער דאן געברענגט א פריסת שלום פונעם בעש"ט צום אור החיים הקדוש, און ווען ער האט געזאגט פארן אור החיים אז ער האט א פריסת שלום פון "בעל שם" האט דער אור החיים געזאגט, אז ער ווייסט נישט פון וועם ער רעדט, דאן האט ער געזאגט אז עס איז פון "בעל שם טוב הקדוש" דאן האט דער אור החיים געזאגט אז ער קען אים טאקע.

און ווי עס איז באקאנט, אז ווען דער אור החיים הקדוש איז נסתלק געווארן מוצש"ק ט"ו תמוז, האט דער בעש"ט הקדוש געהאלטן ביי שלש סעודות אין שטאט מעזיבוז, און נאכן ברכת המוציא האט דער בעש"ט הקדוש זיך אנגערופן, כבה נר מערבי, און אז דער אור החיים הקדוש זי"ע איז יעצט נסתלק געווארן.

ווען מען האט געפרעגט דעם בעש"ט הקדוש פון ווי ער ווייסט דאס, האט ער געזאגט, עס איז פארהאן א כוונה ביי נטילת ידים לסעודה, וואס דאס איז מען מגלה פאר חד בדרא איין צדיק אין יעדע דור, און דאס האט נאר דער אור החיים הקדוש זי"ע געוויסט ביז יעצט, און יעצט ביי שלש סעודות האט מען אנטפלעקט דעם כוונה פאר מיר, דערפאר האב איך געוויסט אז דער אור החיים הקדוש איז נסתלק געווארן.

ווען דער אור החיים הקדוש זי"ע איז נסתלק געווארן אין ארץ ישראל, האט דער הייליגער בעש"ט געריסען קריעה אין מעזיבוז אויף זיין ידיד נפשו, און ווען דער הייליגער נודע ביהודה זי"ע האט דאס געהערט האט ער געזאגט פארן בעש"ט הקדוש, אז לויט די הלכה טאר מען נישט רייסן קיין קריעה, נאר אויב מען איז אין שטאט ווי עס איז געווען יציאת נשמה, האט דער הייליגער בעש"ט געזאגט בזה"ל, "ומה אעשה שהייתי נוכח שם בשעת פטירתו".

הרה"ק אברהם שלום מסטראפקוב זי"ע האט דערציילט, אז ווען זיין הייליגע טאטע דער הייליגער דברי יחזקאל משינאווא זי"ע איז צוריק געקומען פון ארץ ישראל בשנת תרל"א, האט ער דערציילט, אז די ווייב פונעם אור החיים הקדוש זי"ע איז דאך געווען א שומר יבום, נאכדעם וואס דער אור החיים איז נסתלק געווארן און נישט איבער געלאזט קיין קינדער, האבן זי דאן געפרעגט פונעם אור החיים פון ווי זי וועט האבן פרנסה,

האט דער אור החיים הקדוש געזאגט, אז ער וועט איבער לאזן זיינע הייליגע תפילין, און מען זאל מפרסם זיין, אז ווער עס וויל האבן די זכי' צו לייגען די הייליגע תפילין קען דאס לייגן פאר א אפצאל, און פון דעם וועט זי האבן פרנסה, אבער בתנאי אז ווער עס לייגט די תפילין זאל ח"ו נישט רעדן קיין דברי חול און זייער נזהר זיין בקדישות פון די תפילין, ווייל אויב מען וועט יא רעדן מיט די תפילין וועט דאס פארלירן די קדושה,

די אלמנה האט דאס טאקע געטון און אסאך ערליכע אידן זענען געקומען זיך משתמש זיין מיט די תפילין, און די אלמנה האט דערפון געהאט שיין פרנסה, אבער די אלמנה האט גאר שטארק אפגעהיטן אויף די בקשה וואס די מאן האט געבעטן, און אפגעהיטן אז קיינער זאל נישט רעדן מיט די תפילין,

איינמאל איז א גרויסע סוחר געקומען און געדאווענט מיט די הייליגע תפילין, אינמיטען דאווענען איז געקומען א גרויסע סוחר, און ער האט זייער געוואלט רעדן צו דעם סוחר, אבער די אלמנה האט בשום אופן נישט צו געלאזט רעדן צו דעם סוחר בשעת ער האט אנגעטון די תפילין, אבער דער אנדערער סוחר האט זיך אריינגעכאפט און גערעדט צום סוחר בשעת ער האט אנגעהאט די תפילין, און דער סוחר האט גערעדט א דבר חולין מיט די תפילין, גלייך נאכדעם האט מען בודק געווען די תפילין, און לפלא האט מען געזען אז די אלע אותיות פון די תפילין זענען אוועק געפלויגען,

ליידער האט דער אור החיים הקדוש נישט מאריך ימים געווען דארט אין ארץ ישראל, און בערך א יאר שפעטער וואס ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל איז ער נסתלק געווארן זייענדיג נאר 47 יאר אלט.

ער האט ליידער נישט איבער געלאזט קיין זש"ק, אבער ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע חיבורים, וואס באלייכטען די אויגן פון כלל ישראל עד היום,
ספר חפץ ד', חידושים על מסכתות הש"ס,
ספר פרי תואר, ספר הלכה על שולחן ערוך,
ספר אור החיים הקדוש, על התורה, וואס איז געדריקט געווארן און אסאך חמשים, און ווערט געלערנט אין די גאנצע וועלט,
ספר ראשון לציון, חידושים על סוגיות.

נסתלק לגנזי מרומים מוצאי שבת קודש ט"ו תמוז בשנת תק"ג, ומנוחתו כבוד איז אויפן הר הזיתים אין ירושלים סמוך ונראה צום הייליגן פרי חדש זי"ע.

ווי באקאנט האבן די אראבערס ימ"ש געוואלט חרוב מאכן דעם מקום קדוש יארן צוריק, און עס האבן גאר אסאך פון זיי גע'פגר'ט בשעתן גראבן, ביז זיי האבן אויפגעגעבן און דעם הייליגען ציון איז געבליבן אים גערירט.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## גדלות ספר אור החיים הקדוש.

דער בעש"ט הקדוש זי"ע האט גאר שטארק געוואלט טרעפן דעם אור החיים הקדוש זי"ע, און געזאגט אז ער דער בעש"ט איז די נפש פון דוד המלך ע"ה, און דער אור החיים הקדוש איז די רוח פון דוד המלך ע"ה, און צוזאמען קענען זיי ברענגען משיח בן דוד, אבער ליידער איז נישט געווען די צייט פון די גאולה, און די צוויי צדיקים זענען קיינמאל נישט אנגעקומען זיך צו טרעפן.

אויך האט דער בעש"ט הקדוש מגלה געווען פאר די תלמידים די פירוש פון דעם אור החיים הקדוש, און געזאגט פאר די תלמידים, אז דער חיבור איז מטהר די וועלט, און מען זאל דאס לערנען יעדן ערב שבת קודש, און דאס איז מסוגל צו מטהר זיין די ליפט, אויך האט דער בעש"ט הקדוש געזאגט, אז ער טרעפט זיך מיטן אור החיים הקדוש אויבן אין היכל העליון.

דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט געזאגט, אז ער האט אין קיין שום ספר נישט געפונען אזעלכע וואונדערליכע זאכן ווי אין דעם זוהר הקדוש, דעם אור החיים הקדוש, און דעם ספר מאור עינים.

הרה"ק רבי דוד שלמה אייבשיץ בעל ערבי נחל זי"ע שרייבט, אז די רייד פון דעם אור החיים הקדוש קען מען נישט באגרייפן נאר מיט רוח הקודש, נאר זיינע אנהויב ווערטער זענען אביסל פארשטענדליך פאר דעם וואס טראכט אריין אין זיי.

הרה"ק רבי איציקל מסקווירא זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדרוקט, ווי אזוי קען מען זוכה זיין צום אור החיים, אז מען לערנט נישט דעם אור החיים הקדוש.

הרה"ק רבי משה מסלאוויטא זי"ע בן הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע, האט זיך אנגערופן פאר זיין הסתלקות, "מיט וואס וועלן מיר ארויפקומען אויפן עולם האמת, נאר מיר דערמאנען זיך אז מיר האבן ב"ה זוכה געווען צו דרוקן עטליכע מאל דעם ספר אור החיים הקדוש על התורה", דאן האט זיך דער הייליגער צדיק מסלאוויטא בארואיגט, און געזאגט, "איין האר פון די הייליגע בארד פונעם אור החיים הקדוש, קען אויף אונז מגין זיין".

הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע האט געזאגט, אז די לימוד אור החיים הקדוש איז מסוגל לרומם את נשמת אדם, און צדיקים האבן געזאגט, אז אזוי ווי לימוד זוה"ק איז מסוגל לטהר הנפש, אזוי איז אויך די לימוד אין אור החיים הקדוש.

הרה"ק רבי ישראל מרוזין זי"ע האט געזאגט, אז אזוי ווי בדורות הראשונים איז די לימוד הזוהר הקדוש געווען א סגולה לטהרת הנשמה, די זעלבע איז בדורות האחרונים א סגולה לטהרת הנשמה, לערנען דעם ספר אור החיים הקדוש.

אונעם ספר קימו וקיבלו פונעם אייניקל פונעם הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע ברענגט ער אראפ בשם דעם זיידן דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, אז ווער עס לערנט דעם פירוש פון אור החיים הקדוש אויף די פרשה אחרי מות און קדושים, איז ער מובטח אז ער וועט נישט נפטר ווערן פון די וועלט אן קיין תשובה.

הגה"ק רבי חיים פאלאג'י זי"ע שרייבט בשם דעם הייליגען חיד"א זי"ע, אז בשעת די צרות אין פולין איז דער אלשיך

הקדוש זי"ע געקומען אין חלום צו איינעם, און געזאגט, אז לערנען דעם הייליגען חיבור האלשיך איז א סגולה צו ניצל ווערן פון צרות, און רבי חיים פאלג'י זי"ע האט מוסף געווען, אז דאס זעלבע איז אויך מיטן לערנען דעם פירוש פונעם אור החיים הקדוש וואס איז אויך א סגולה צו ניצל ווערן פון צרות ח"ו.

הרה"ק רבי משה האפשטיין מווישנאוויץ זי"ע שרייבט, אז לערנען דעם ספר אור החיים הקדוש איז מסוגל פאר פרנסה ברווח און אריכת ימים.

הרה"ק רבי יוחנן מקארלין זי"ע האט געזאגט, אז לערנען דעם ספר אור החיים איז א סגולה פאר אמונה אונעם באשעפער.

הרה"ק רבי יוסף מאיר בעל אמרי יוסף מספינקא זי"ע שרייבט, אז לערנען דעם ספר אור החיים הקדוש איז מסוגל פאר זש"ק, וויבאלד דער צדיק האט דאך נישט זוכה געווען צו קיין קינדער, האט ער באהאלטן אין זיין ספר דעם כח ההולדה, און אסאך אידן זענען שוין געהאלפן געווארן מיט האבן קינדער.

## מעשיות

בשנת תש"ד אינמיטן די צווייטע וועלט מלחמה זענען שוין די נאצים געווען ביי מצרים און מען האט זייער מורא געהאט אז זיי וועלן אנקומען קיין א"י.

זענען דאן דריי צדיקים ארויס געגאנגען צום הר הזיתים צום קבר פונעם אור החיים הקדוש זי"ע צו איינרייסען פאר תושבי ארץ ישראל, און די דריי צדיקים זענען געווען,
הרה"ק רבי שלמה'קע מזוויהל זי"ע,
הרה"ק רבי אהרן ראטה בעל שומרי אמונים זי"ע,
הרה"ק רבי ישראל מהוסיאטין זי"ע
און די דריי צדיקים האבן איינגעריסן פאר כלל ישראל פון ארצנו הקדושה און מעורר רחמים געווען אויפן מצב.

ווען מען איז צוריק געקומען פונעם ציון קדשו פונעם אור החיים הקדוש זי"ע, האט הרה"ק מהוסיאטין זי"ע געזאגט, אז ער איז מובטח אז די רשעים די דייטשן ימ"ש וועלן נישט אנקומען קיין ארץ ישראל, און ווען מען האט אים געפרעגט פון ווי ער איז אזוי מובטח, האט ער געזאגט, אז בשעת זיי האבן דארט מתפלל געווען ביים קבר פונעם אור החיים הקדוש, האט ער געזעהן די שם ה-ו-י-ה לייכטען אויפן קבר פונעם אור החיים הקדוש זי"ע.

בשעת ווען דער אור החיים הקדוש זי"ע האט געוואוינט אין שטאט סאלי, האט ער זיך באשעפטיגט מיטן זיין א שניידער, און ער איז געווען באוואוסט אונעם שטאט אלס א גאר גוטע שניידער, איינמאל האט דער סולטאן פון סאלי געברויכט אויפנייען א שיינע קלייד פאר די חתונה פון זיין טאכטער, און הערענדיג אז רבי חיים איז א אויסגעצייכנטע שניידער, האט ער באשלאסן אים צו געבן דעם ארבעט פון אויפנייען דעם קלייד, און פארלאנגט אז דאס זאל זיין גרייט אין א וואך.

דער אור החיים הקדוש אפילו ער האט זיך טאקע מפרנס געווען דורך שניידעריי און זיך מפרנס געווען מיגיע כפו, האט ער אבער געהאט א כלל, אז ווי נאר ער האט שוין געהאט פארדינט פאר די וואך, האט ער זיך צוריקגעקערט צום לערנען, און ווען די שלוחים פונעם סולטאן האבן צו אים געברענגט די קליידער, האט דער אור החיים זיי אפגעזאגט און נישט געוואלט נעמען די ארבעט, וויבאלד ער האט שוין געהאט פרנסה פאר די וואך, די שלוחים האבן אים געווארנט אז עובר זיין אויף א באפעל פונעם סולטאן קען אים קאסטן טויט שטראף, אבער דער אור החיים הקדוש האט זיך נישט דערשראקן און זיך געהאלטן ביי זיינ'ס.

דער סולטאן איז זייער אויפגעברויזט געווארן פון דעם איד'ס חוצפה פון אפזאגן זיין באפעל, און ער האט געהייסן פאר די באדינערס אז זיי זאלן אויס הונגערן די לייבן וואס ער האט געהאט ביי זיך אין גרוב, און דאן זאלן זיי אריינווארפן דעם אור החיים אונעם גרוב.

די שלוחים האבן אויסגעפירט דעם באפעל פונעם סולטאן, און אויפן וועג האט מען שוין געהערט די ברימען פון די הינגעריגע לייבן ווי זיי ווארטן שוין אויף זייער קרבן, אבער ווי נאר מען האט דעם צדיק אריינגעווארפן אונעם גרוב, האבן די לייבן אים מקבל פנים געווען מיט גרויס עהרע, און דעם צדיק ארום גענומען מיט גרויס הכנעה, און דער צדיק האט זיך אראפגעזעצט נעבן זיי און געזאגט תהלים.

ווען דער סולטאן האט דאס געהערט, איז ער פרעזענליך אראפ זעהן דעם וואונדערליכען מראה מט די אייגענע אויגן, דאן איז דער סולטאן געפאלן צו די פיס פונעם אור

החיים הקדוש און געבעטן מחילה אז ער האט פוגע געווען אין דעם כבוד פון אזא הייליגען מאן, און ער האט באפוילען צו באפרייען דעם אור החיים, און נאך באשאנקן דעם אור החיים מיט חשובע מתנות, און אזוי זענען אלע איבערצייגט געווארן אין די גרויסקייט פונעם אור החיים הקדוש זי"ע.

דער אור החיים הקדוש זי"ע האט געהאט א מנהג צו טיילן חלות און פלייש פאר תלמידי חכמים אז זיי זאלן האבן אויף די שבת קודש סעודות, אזוי האט זיך דער צדיק געפירט פאר יארן.

איינמאל האט זיך געמאכט א מאנגל אויף פלייש, ווייל די מערסטע בהמות וואס מען האט גע'שחט'ן זענען ארויס געקומען טריפה, און דער עולם אין שטאט האט נישט געהאט קיין פלייש אויף שבת קודש, אבער דער אור החיים האט נישט משנה געווען זיין מנהג, און ער האט געקויפט א קעלבעלע און עס געלאזט שחטן און מיטן באשעפערס הילף איז עס ארויס געקומען כשר.

מען קען זיך נישט פארשטעלן די פרייד פונעם אור החיים הקדוש, אז ער וועט קענען ממשיך זיין מיט זיין מנהג, און ער האט פארטיילט פלייש פאר די תלמידי חכמים פונעם שטאט, האט זיך איינער א עושר דערוויסט אז ביים אור החיים אין שטוב איז דא פלייש, איז ער אריבער צום אור החיים, און געבעטן אז ער זאל אים געבן פלייש, אבער דער אור החיים האט געזאגט איך בין נישט קיין פלייש פארקויפער.

אזוי שטייענדיג ביים שטוב פונעם אור החיים הקדוש איז געקומען איינע פון די גרויסע תלמידי חכמים פון שטאט, און דער אור החיים האט דעם תלמיד חכם געגעבן א שטיק פלייש לכבוד שבת קודש, האט דער עושר זיך אנגערופן מיט שפאס געמישט מיט צארן, "אט האסטו א נייעם תלמיד חכם, פאר אים איז שוין דא פלייש און פאר מיר נישט", דער אור החיים הקדוש האט גארנישט געענטפערט פאר דעם עושר, און דער עושר איז זיך אהיימגעגאנגען.

פרייטאג צו נאכטס האט זיך דער אור החיים געחלומ'ט א שווערן חלום, עס איז דא א קטרוג אויף אים אין הימל, אז היינט האט ער געהערט ווי מען פארשעמט א תלמיד חכם, און ער האט גארנישט מוחה געווען נאר ער האט געשוויגן, און מען האט דעריבער ארויסגעגעבן א באפעל, אז דער הייליגער אור החיים מוז גיין גלות ליידן א יאר צייט, כדי עס זאל אים פארגעבן ווערן פארן נישט מוחה זיין ווען מען האט פארשעמט דעם תלמיד חכם.

באלד מוצאי שבת קודש האט זיך דער אור החיים הקדוש אנגעטון מיט פראסטע קליידער אזוי ווי א פשוטע דארפסמאן, און ארויס געגאנגען גלות ליידען, און אזוי האט דער צדיק ארומגעוואנדערט פון שטאט צו שטאט און דערפער, ווי ער איז געווען בייטאג האט ער נישט גענעכטיגט, ער האט געליטן בזיונות פון מענטשן, וויבאלד מען האט דאך נישט געוויסט ווער ער איז ממילא האט מען אים נישט אפ געגעבן דעם געהעריגן כבוד.

אמאל פרייטאג נאכמיטאג האט זיך דער אור החיים הקדוש געפונען אויפן פרייען פעלד ווייט פון א שטאט, און דאס איז געווען פרייטאג פרשת בחוקותי, און דער אור החיים הקדוש האט נישט געקענט ווייטער גיין צוליב זיינע שוואכע כוחות, און ער האט זיך אביסל אפגערוט, און דאן זיצענדיג אינטער א בוים האט דער אור החיים הקדוש מחדש געווען 42 פשטים אויפן פסוק "אם בחוקותי תלכו", און דאס האט געגעבן דעם אור החיים הקדוש כח ווייטער צו גיין, און ביי חצות איז דער אור החיים אנגעקומען אין א שטאט.

דער אור החיים הקדוש האט זיך געגרייט צום שבת קודש און געגאנגען אין מקו', און אזוי אנגעטון מיט די פראסטע קליידער איז ער געגאנגען אין שוהל און זיך געזעצט נעבן די אנדערע ארימעלייט, דער אור החיים הקדוש האט געדאווענט מיט א ברען אבער באהאלטן זיין שטארקע קדושה פונעם עולם.

גלייך נאכן דאווענען האט א איד א עושר איינגעלאדענט דעם ארימאן דעם אור החיים צו זיך אין שטוב פאר די סעודה, און נאכן עסן האט דער בעל הבית געזאגט פארן ארימאן, אז דא איז א מנהג אז מען גייט צוריק אין שוהל צום רב'ס טיש, ווי מען פארברענגט מיט דברי תורה, איז דער אור החיים מיט געגאנגען מיטן בעל הבית.

פארשטייט זיך אז וויבאלד דער אור החיים הקדוש איז געווען אנגעטון מיט גאר פראסטע קליידער, האט מען אים נישט צוגעטיילט א שיינעם פלאץ ביים טיש, נאר ער איז געבליבן זיצן ביים עק פונעם טיש, און ווען עס איז געקומען צו די דברי תורה, האט דער רב אנגעהויבן זאגן 14 פשטים אויפן פסוק "אם בחוקותי תלכו", און ווען ער האט דאס גענדיגט האט דער רב געזאגט,

"די תורה וואס איך האב יעצט געזאגט האב איך געהערט אין די ישיבה של מעלה, וואס דאס איז היינט נתחדש געווארן דורך דעם גאון און צדיק רבינו חיים בן עטר, וועלכער געפינט זיך אויף דער וועלט". ווען דער רב האט געזאגט די ווערטער, האט זיך געהערט א געשריי פונעם עק טיש, וואס דאס איז געווען די שטימע פונעם אור החיים הקדוש, און ער האט אויסגערופען הויעך אויפן קול, "אזוי האט געזאגט חיים בן עטר".

דער רב וואס איז געווען א הייליגער איד איז דערציטערט געווארן הערענדיג די ווערטער, ווי דער ארימאן זאגט ארויס דעם נאמען פון דעם צדיק מיט א פשטות און זאגט ניטעמאל דעם טיטול "רבי", און כאטש דער רב האט נישט געקענט דעם אור החיים הקדוש פערזענליך, האט ער אבער פארשטאנען, אז ער איז א גרויסע צדיק, אז מען זאגט נאך זיינע חידושי תורה אין די מתיבתא דרקיע.

דער רב האט געוואלט באשטראפן דעם ארימאן, אבער דער בעל הבית האט געבעטן דעם רב אז ער זאל נישט טשעפענען דעם גאסט, ווייל מן הסתם ווייסט דער גאסט נישט ווי גרויס דער אור החיים הקדוש איז, דאס זעלבע איז אבער פאר געקומען ביים טיש צופרי, דער רב האט נאכאמאל געזאגט 14 פשטים אויפן פסוק און צו געענדיגט מיט די ווערטער, "דאס האב איך געהערט אין הימל איבערזאגן אין נאמען פון דעם צדיק און קדוש רבינו חיים בן עטר", און דער אור החיים הקדוש האט נאכאמאל איבער געזאגט די זעלבע זאך "פון חיים בן עטר".

דער רב האט אים געוואלט באשטראפן, אבער דער בעל הבית האט זיך נאכאמאל אנגענומען פארן גאסט, אבער ווען עס איז געקומען צו שלש סעודות און עס האט זיך נאכאמאל אפגעשפילט די זעלבע, ווען די רב האט געזאגט נאך 14 נייע פשטים אויפן פסוק און דער ארימאן האט זיך נאכאמאל אנגערופען מיט שפאס ווערטער אויפן אור החיים הקדוש, האט דער רב געהייסן אז מען זאל דעם ארימאן איינשפארן אין א פינסטערן שטוב, און מארגען וועט דער בית דין און די רב באשליסן וואס פאר א שטראף מען זאל אים געבן פארן פארשעמען דעם אור החיים הקדוש.

אבער ווען מען האט געענדיגט דאווענען מעריב, האט אויס געבראכן פלוצלונג א גרויסער שטורעם אין די שטאט, עס האט געדינערט און געבליצט און עס איז געפלויגען דעכער און ביימער, און די גאנצע שטאט איז געקומען צו לויפן צום רב און געבעטן אז ער זאל מתפלל זיין פאר די שטאט.

האט די רב געמאכט אן עליית נשמה צו וויסן פארוואס עס האט אויסגעבראכן א שטורם אין שטאט, האט מען אים מגלה געווען, אז אזוי ווי יעדן שבת קודש האבן די רשעים מנוחה פון גיהנום, און מוצש"ק ווען דער אור החיים הקדוש מאכט הבדלה פירט מען זיי צוריק אין גיהנום.

אבער יעצט וויבאלד דער אור החיים הקדוש איז איינגעשפארט אין א פינסטערן שטוב און קען נישט מאכן קיין הבדלה, איז געווארן א בהלה אין די עולמות העליונים און וועגן דעם האט אויסגעבראכן א שטורעם אין די שטאט.

אויך האט מען געלאזט וויסן פאר דעם רב, אז ער זאל איבערגעבן פארן אור החיים הקדוש, אז וויבאלד ער איז געווען פארשפארט אין די פינסטערן שטוב פארן פארשעמען א תלמיד חכם, איז אים פארגעבן געווארן די זינד, און ער דארף שוין נישט אפרעכטן קיין גלות און ער קען שוין אהיים פארן צוריק צו זיין ישיבה.

דער רב איז געווארן זעהר איבערראשט דערוויסענדיג ווער דער ארימאן דער גאסט ביי זיי אין שטאט איז, און וועמען מען האט דא באשטראפט און פארשעמט, און ער האט באלד מודיע געווען פארן עולם, און זיי זענען אלע אריבער צום אור החיים הקדוש און אים ארויס געפירט מיט גרויס כבוד און געבעטן מחילה.

פארשטענדליך האט דער אור החיים הקדוש גלייך מוחל געווען פארן רב, און אדרבה ער האט זיך געפרייט אז ער איז שוין אפ געקומען וואס ער האט געברויכט אפ קומען און ער קען צוריק אהיים גיין.

אין די צייט וואס דער אור החיים הקדוש זי"ע האט געוואוינט אין ירושלים עיר הקודש, און האט געפירט דאס ביהמ"ד און ישיבה כנסת ישראל, האט די רעגירונג אמאל ארויסגעגעבן א גזירה אויף די אידישע געמיינדע, אז זיי זאלן דארפן צאלן מער שטייערן, דער אור החיים הקדוש זי"ע וואס אלע רבנים און מנהיגים פון ארץ ישראל האבן אים זייער געשעצט און רעספעקטירט און זיך צו געהערט צו זיינע ווערטער, האט מען דאן אופן בקשה פונעם אור החיים הקדוש זי"ע צוזאמען גערופן די

רבנים צו אן אסיפה, וואו מ'וועט זוכן אן עצה וויאזוי אפצורופן די גזירה,

וועלנדיג מאכן די אסיפה אין א געהיימען פלאץ, האבן זיי באשלאסן עס צו מאכן אין די שול פון די "קראים" וואס האט זיך געפונען אין א קעלער, און צו די באשטימטע שעה, זענען זיך אלע רבנים צוזאמען געקומען, און זיי האבן אראפגעשפאנט די טרעפ וועלכע האבן אריינגעפירט צום קעלער, און צווישן די רבנים איז אויך געווען דער אור החיים הקדוש, און אראפ קומענדיג די טרעפ, איז דער אור החיים הקדוש פלוצלונג אראפ געפאלן און פאר'חלש'ט געווארן,

פארשטייט זיך אז אלע באטייליגטע האבן זיך דערשראקן, און באלד געטוען אלע מיטלען אים צו דערמונטערן, און נאכדעם וואס עס איז זיי ענדליך געלונגען אים צו דערמונטערן, האט דער אור החיים הקדוש געהייסן אז מען זאל אויפהייבן די טרעפ, אויף וואס ער האט גע'חלש'ט, און צו אלעמענ'ס שרעק האט מען דארט געפונען די הייליגע ספרים פונעם רמב"ם זי"ע, וואס די קראים האבן עס אונטער געלייגט דארט, מיט א כוונה עס מבזה צו זיין ח"ו יעדעס מאל ווען מען טרעט אויף די טרעפ,

דער אור החיים הקדוש זי"ע איז געווארן שטארק אויפגעברויזט און צעשוידערט פון די געוואלדיגע רשעות, און די ערשטע זאך האט ער גע'שתדל'ט צוזאמען מיט די אנדערע רבנים, אז די גזירה פון די שטייערן זאלן נאר זיין אויף די קראים, ער האט אויפגעטוען אז זיי זאלן דארפן באצאלן אלע שטייערן וואס די רעגירונג האט געפאדערט פון אלע אידן, אויך האט ער זיי דאן געשאלטן אז עס זאל מער קיינמאל נישט זיין קיין מנין פון די קראים אין ירושלים,

פון דאן, איז ווירקליך די קללה פונעם אור החיים הקדוש זי"ע מקיים געווארן, טאמער איז געבוירן געווארן א קינד אדער איז געקומען א נייער קראי קיין ירושלים, איז באלד געשטארבן אן אנדערער פון זיי, און אסאך יארן דערנאך האבן זיך צוזאמען גענומען א גרופע פון צוואנציג משפחות פון די קראים, וועלכע האבן געוואלט ארויף קומען קיין ירושלים, די קראים פון ירושלים האבן זיך געפרייט דערצו, טראכטנדיג אז יעצט וועט וואקסן זייער גרופע, אבער ווי נאר זיי האבן איבערגעטרויטן די טויערן פון ירושלים, האט אוים געבראכן א מגיפה ביי זיי, און עס איז ווייטער נישט געבליבן קיין מנין.

פאר יארן צוריק ווען די אידן פון ירושלים האבן גאר אסאך געליטן פון זייערע שכנים די אראבער'ס, האבן א גרופע פון אראבער ליידער געשעדיגט און פוגע געווען אינעם כבוד פון די נפטרים אויף הר הזיתים, זיי האבן רח"ל צעשטויסן און חרוב געמאכט מצבות און ארויס געווארפן די ביינער ל"ע, שפעטער ווען אידן זענען געקומען אויפ'ן הר הזיתים, האט מען באמערקט אן איבערגעדרייטן טראקטאר נעבן ציון פונעם אור החיים הק',

ווען די אנוועזנדע האבן זיך נאכגעפרעגט דער אורזאך דערפון, זענען זיי געוואויר געווארן, אז דאס האט פאסירט ווען די אראבער זענען געקומען נאנט צום ציון פונעם אור החיים הקדוש זי"ע, און ר"ל געוואלט צו שטערן די ציון קדשו פונעם אור החיים הקדוש זי"ע, איז געשען א וואונדערליכע זאך, דער גרויסער מעכטיגער טראקטאר האט זיך באלד איבערגעדרייט, און דער גוי וואס האט עס געפירט איז געשטארבן,

די ארבייטער האבן געמיינט אז עס איז א צופאל, האבן זיי גענומען אן אנדערן טראקטאר מיט די זעלבע כוונה, אבער ווי נאר זיי זענען צו געקומען נאנט צום ציון פונעם אור החיים הקדוש זי"ע איז געשען דאס זעלביגע, דער טראקטאר האט זיך איבערגעדרייט, און דער דרייווער איז ארויס געפאלן א טויטער, האבן זיי באלד איינגעזען אז דאס איז נישט קיין צופאל, נאר דא ליגט א גאר הייליגער צדיק, און זיי האבן פארלאזט דעם גאנצן פלאץ, און אזוי ארום איז דער ציון געבליבן גענצליך אומגעשעדיגט,

הרה"ק רבי מרדכי חיים מסלונים זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל איז דער אור החיים הקדוש זי"ע געפארן אויף איינע פון זיינע נסיעות מיט א שיירה, און ווען עס איז געקומען שבת קודש האט דער אור החיים נישט געוואלט גיין ווייטער און ח"ו מחלל שבת זיין, און דערפאר איז דער אור החיים געבליבן אינמיטן די וואלד פאר שבת, בשעת די איבעריגע שיירה איז ווייטער געפארן,

זייענדיג אזוי אליין אין וואלד ווי עס האבן זיך געדרייט חיות רעות און דער צדיק איז געווען דארט איינער אליין, פלוצלונג איז געקומען צו גיין א גרויסע לייב, און דער לייב האט זיך געזעצט נעבן דעם אור החיים הקדוש, און אזוי איז דער לייב געזעצן די גאנצע שבת קודש און אפגעהיטן דעם אור החיים הקדוש פון די חיות רעות, און

דאן ווען עס איז געווארן מוצאי שבת, האט דער לייב ארויף גענומען דעם אור החיים הקדוש אויף זיך, און ער האט אהיים געטראגן דעם אור החיים צו די שיירה, און אזוי האט דער אור החיים געקענט ווייטער גיין אויפן וועג.

ווען הרה"ק רבי חיים אלעזר בעל מנחת אלעזר ממונקאטש זי"ע איז געווען אין ארץ ישראל בשנת תרצ"א, האט ער דערציילט די פאלגענדע עובדא וואס ער האט געהאט מקובל פון זיינע הייליגע עלטערן, אז איינער פון די מקורבים ביים אור החיים הקדוש זי"ע האט זיך שיין ערנערט פון א פרנסה, אבער מיט אמאל איז ער געווארן א "יורד" ל"ע, און עס איז געקומען דערצו אז עס איז פשוט נישט געווען קיין שטיקל ברויט אין שטוב, און דאס גאנצע הויז געזונט האט ממש געהונגערט.

איז דער איד געגאנגען זיך אויסרעדן זיין ביטער הארץ פאר'ן אור החיים הקדוש זי"ע, און דער אור החיים הק' האט אויף אים זייער רחמנות געהאט, האט ער גענומען א שטיקל פארמעט, און ער האט אויף געשריבן דערויף עטליכע ווערטער, ער האט דאס איינגעוויקלט און איבער געגעבן דעם איד, זאגנדיג, "נעם דעם פארמעט, האלט דאס פעסט אין דיינע הענט, און גיי צום כותל המערבי, זיך אויף א שפאלט צווישן די שטיינער, און לייג אהין אריין דאס פארמעט, און האפענטליך מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף וועסטו געהאלפן ווערן גאר אין גיכן".

דער איד האט זיך ארויס געלאזט צום כותל המערבי, און אינמיטן וועג האט אויס געבראכן א געפערליכער שטורעם ווינט וואס האט שרעקליך געבושעוועט, און האט אים אראפ געווארפן דעם הוט פונעם קאפ, ער האט אבער נישט צופיל אכט געלייגט דערויף, די ווינט האט זיך אבער געהאלטן אין איין שטארקן און ווערן שווערער, ביז עס האט אויך אראפגעשליידערט זיין קאפל פון קאפ, און נישט וועלנדיג בלייבן אין הוילן קאפ, איז ער נאכגעלאפן דעם פליענדיגן קאפל, און לויפנדיג נאכ'ן קאפל האט די ווינט ארויסגעריסן פון זיין האנט די קמיע און עס איז נעלם געווארן.

מיט א ביטער הארץ איז דער איד צוריק געגאנגען צום אור החיים הק' זי"ע, און ער האט אים דערציילט וואס עס האט אים געטראפן אויפ'ן וועג צום כותל המערבי, האט דער אור החיים הק' ארויס געלאזט א טיפן קרעכץ און געזאגט, "וואס קען איך טוען אז עס איז דיר נישט באשערט".

שפעטער אין דעם זעלבן טאג האט מען געטראפן זיך וואלגערן א שטיקל פארמעט אין די ירושלים'ער גאסן, אונטער געשריבן "חיים בן עטר", מען האט גענומען דעם פארמעט, און מען האט עס אפ געטראגן צום אור החיים הק', אבער אויפ'ן וועג האט מען אויפגעוויקעלט דעם שטיקל פארמעט, האט מען געטראפן שטיין בזה"ל, "אחותי רעיתי יונתי תמתי, איך בעט דיך זאלסט רחמנות האבן און געבן א שפע פון גוטע פרנסה פאר פלוני בן פלוני", אונטער געשריבן חיים בן עטר.

און דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע האט צו געלייגט און פארענדיגט, אז עס שטעלט זיך ממש אויף די האר פון קאפ, הערענדיג אזא מורא'דיגע מעשה, און מען קען באקומען א שטיקל באגריף אויף דאס גרויסקייט און קדושה פונעם אור החיים הק' זי"ע.

עס ווערט געברענגט אין ספר דברי שמואל, אז ווען דער אור החיים הקדוש זי"ע האט נאך געוואוינט אין שטאט מורוקו, האט ער געגעבן א עצה פאר די שטאט מענטשן, אז זיי זאלן זיך אונטער נעמען צו ארבעטן נאר דריי טאג א וואך, און דאס איבעריגע טעג זאלן זיי נאר עוסק זיין בתורה ועבודת השם, און דער אור החיים הקדוש האט זיי מבטיח געווען, אז זיי וועלן אין די דריי טאג מאכן דאס זעלבע און אפילו מער געלט ווי זיי האבן געמאכט ביז יעצט ארבעטענדיג 6 טאג א וואך.

די אידן פון דעם שטאט האבן טאקע געפאלגט דעם צדיק, און פון דאן האט מען איינגעפירט אין שטאט, אז מען האט נאר געארבעט דריי טאג א וואך, און דאס איבעריגע האט מען מקדיש געווען נאר פאר תורה, פארשטייט זיך אז די ברכה פונעם צדיק איז מקויים געווארן, און מען האט די דריי טאג געמאכט מער געלט ווי ביז איצט.

אבער ווען דער צדיק האט זיך אוועק געצויגן פון שטאט און איז ארויף קיין ירושלים, האבן די אידן פון שטאט צוביסלעך נאך געלאזט, ביז מען האט שוין צוריק געארבעט גאנצע 6 טאג א וואך, אבער לפלא האט קיינער אין שטאט נישט געמאכט מער געלט, נאר מען האט געמאכט וויניגער ווי ביז יעצט, ווייל דער צדיק האט מיט זיין קדושה אריין געברענגט אן השפעה אין שטאט, בזכות די תורה הקדושה וואס מען האט דארט געלערנט.

**יארצייט**

**פרייטאג ט"ו תמוז**

**הרה"ק רבי אלעזר ב"ר אלימלך זי"ע, (ווייסבלום),**
**בעל משנה למלך, מריישא,**
**"הנקרא רבי אלעזר ריישער"**

ער איז געבוירן אין שטאט רודניק, בשנת תקצ"ט,

צו זיין טאטן הרה"ק רבי אלימלך מרודניק זי"ע, הנקרא ר' אלימלך רודניקער,
בן הרה"ק רבי מנחם ישכר בער מפשעווארסק זי"ע,
בן הרה"ק רבי אלעזר מליזענסק זי"ע,
בן הרה"ק רבי אלימלך בעל נועם אלימלך מליזענסק זי"ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת קריינדל ע"ה,
בת הנגיד וחסיד מוה"ר יצחק מרודניק ז"ל,

ער איז געווען א צדיק הדור און א איש אלקים קדוש וטהור מאוד, ער איז געווען מפורסם אלס א למדן נפלא און א גאון ובקי בתורת הנגלה והנסתר, דער צדיק האט זיך געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה נפלאה, אבער ער האט דאס אלס באהאלטן מיט א געוואלדיגע הסתר,

ער האט עוסק געווען בצדקה וחסד אויף א גאר געהויבענע דרגה אזוי ווי ער האט מקבל געווען פון זיין רבי דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, צדיקים האבן מעיד געווען, אז דער צדיק האט אוועק געגעבן יעדע פרוטה ממש פאר צדקה, אויך איז דער צדיק געווען גאר גרויס אין מידת השמחה, און צדיקים בדורו האבן מעיד געווען, אז ווען מען איז נאר אריין געקומען צו דעם צדיק, איז מען געווארן בשמחה, ווייל דער צדיק איז געווען א אוצר מלא שמחה,

ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גאר גרויסע פועל ישועות ממש חד בדרא, ובפרט אין עניני רפואה איז דער צדיק געווען גאר גרויס, טויזענטער אידן האבן געזען מופתים ביי דעם צדיק ממש חוץ לדרך הטבע, צדיקי הדור האבן כסדר געשיקט אידן פאר ישועות צו דעם צדיק, און אידן זענען ארויס מיט גרויסע ישועות פון זיין שטוב, אבער דער צדיק האט דאס אלעס מסתר געווען כאילו ער האט גארנישט געטון, דער צדיק האט באמת געהאלטן אז ער איז דער ערגסטער איד בדורו און כסדר געזאגט, אז ער איז מלא חטאים ופשעים,

בשנת תר"ט ווען דער צדיק איז געווען 10 יאר אלט, האט זיך זיין הייליגע טאטע רבי אלימלך מרודניק זי"ע אוועק געצויגען צום שטאט סאקלוב, און ליידער י"ט טבת בשנת תר"ט אפאר חדשים נאכן זיך אהין ציען, איז דער טאטע נסתלק געווארן, און איבער געלאזט דעם יונגען אלעזר אלס א יתום, און אפאר חדשים שפעטער האט ער אויך פארלוירן זיין מאמע הצדקת מרת קריינדל ע"ה, בלייבענדיג א קאלעכיגע יתום,

דאן האט דער צדיק הרה"ק רבי דוד שפירא בעל צמח דוד מדינוב זי"ע וואס האט מרגיש געווען דעם גדלות און קדושה פון דעם יתום אלעזר, אים אריין גענומען צו זיך אין שטוב, און דער צדיק רבי דוד האט דעם יתום אויף געצויגען ווי א אייגען קינד, דאן האט דער קינד זוכה געווען צו מקבל זיין גאר אסאך תורה און עבודת השם פון דעם צדיק מדינוב, און ער האט זיך אין אים מדבק געווען מיט א געוואלדיגע קשר,

הרה"ח רבי זעליג בלייכפלד מדובעצק ע"ה דערציילט דעם גדלות און די השגה וואס דער קינד אלעזר האט שוין דאן געהאט, דערציילט רבי זעליג, אז ווען דער קינד איז אנגעקומען קיין דינוב, האט אים רבי דוד'ל געזאגט, עס איז דא א חשובע גאסט, אפשר געסטו פאר דעם גאסט א שיינע נתינה, האט דאס קינד געזאגט, אז ער האט נישט קיין פרוטה מיט זיך, האט רבי דוד'ל געבעטן אז ער זאל זיכן און אפשר וועט ער טרעפן,

האט דאס קינד אויפגעמאכט זיין העמד, און דער קינד האט געוויזן אויף זיין הייליג הארץ און געזאגט, "אדרבה זיכט ביי מיר, דאס איינציגסטע וואס איך האב איז ליידער חטאים עוונות ופשעים", ווען רבי דוד'ל האט געהערט די ריינע ווערטער פונעם קליינעם יתום, איז ער זייער נתרגש געווארן און האט ער זיך אנגעריפן, "אה ווער גאר א שיינע קינד האט דער רבי אלימלך מרודניק זי"ע איבער געלאזט",

בערך א יאר שפעטער איז דער קינד דער צדיק רב אלעזר אריבער צום שטוב פונעם הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, וואס די טאטע רבי אלימלך מרודניק זי"ע האט בעפאר זיין פטירה געבעטן פונעם צאנזער רב, אז ער זאל ערציען זיין הייליגע זון אלעזר, און ער האט צו

געזאגט, אז ער וועט צוריק קומען צו די חתונה פונעם קינד, דער הייליגער דברי חיים האט ארויס געוויזן א גרויסע חביבות צום קינד אלעזר, דער דברי חיים האט אפילו קובע געווען א צייט ווען ער האט יעדן טאג געלערנט א שיעור מיטן קינד אלעזר.

ווערט דערציילט, אז דאס חביבות איז געווען אזוי גרויס, אז ווען עס האט זיך אמאל געמאכט צייטן וואס די אייגענע קינדער האבן זיך נישט געטרויט אריין צו גיין צום טאטן דער צאנזער רב זי"ע, האבן די קינדער פונעם הייליגען דברי חיים, אריין געשיקט דעם קינד רבי אלעזר צום דברי חיים, וויסענדיג אז די טאטע וועט אויף אים נישט האבן קיין הקפדה.

בעפאר זיין בר מצוה האט דער דברי חיים מצאנז זי"ע געהייסן דעם קינד צוריק פארן צום צדיק רבי דוד'ל מדינוב זי"ע, און געהייסן אז רבי דוד'ל מדינוב זאל דעם בחור לייגן דאס ערשטע מאל תפילין, און דער צדיק רבי דוד'ל מדינוב זי"ע האט גאר שטארק באוואונדערט דעם קינד, און ער האט מעיד געווען אויף אים, אז ער איז "נקי מחטא", ריין פון יעדע זונד און געזאגט בזה"ל, "גאר א שיין קינד האט רבי אלימלך רודניקער איבער געלאזט".

ער האט חתונה געהאט בזיווג ראשון מיט הרבנית הצדקת מרת בריינדל ע"ה,
בת הרה"ק רבי דוד הלברשטאם מקאשנוב זי"ע,
בן הרה"ק רבי חיים בעל דברי חיים מצאנז זי"ע.

דאן איז דער צדיק געזעצן פאר אפאר יאר אויף קעסט ביים גרויסן זיידן דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, דארט האט דער צדיק ווייטער זוכה געווען צו א געוואלדיגע קרבה פונעם גרויסן זיידן, גאר אסאך תורה און עבודת השם האט ער קונה געווען פונעם זיידן דער דברי חיים זי"ע, יענע צייט זייענדיג ביים זיידן אין צאנז, האט ער זוכה געווען אז דער זיידע האט גאר אסאך שווערער תשובות נאכן זיי שרייבן געגעבן פארן אייניקעל רבי אלעזר זאל דאס איבערקוקן, אויך האט אים דער הייליגער צאנזער רב זי"ע מצרף געווען אין זיין בי"ד אין שטאט צאנז.

אויך ווערט דערציילט פון חסידי צאנז, אז דאס לעצטע יאר ביים הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, פסח ביינאכט ביים סדר נאכט, האט דער צדיק וקדוש רבי אלעזר ריישער זי"ע געגעסן דעם סדר נאכט ביים צאנזער רב זי"ע, האט דער צאנזער רב איבער געלאזט אביסל פון יעדע כוס פון די ד' כוסות, און סוף סדר האט דער צאנזער רב אהיין געגעבן די ביסל וויין פאר רבי אלעזר ריישער זי"ע און האט אים געזאגט בזה"ל, "מיט די וויין וועסטו קענען מחי' מתים זיין".

אויך האט ער דאן באקומען סמיכה פון גרויסע גדולים וגאונים בדורו ובתוכם הגה"ק רבי חיים אלעזר וואקס בעל נפש חיה מפיעטרקוב זי"ע, וואס אלע פון די גדולים האבן ממש באוואונדערט זיין גדלות און קלארקייט בתורה, ער איז שוין דאן געווען מפורסם אין גאנץ גליציה מיט זיין גדלות וחריפות בתורה, הונדערטער גדולים און גאונים בדורו האבן זיך מיט דעם יונגען גאון משתעשע געווען אין גאר שווערער מקצועות התורה.

ווען דער צדיק איז נאך אסאך יארן נישט געהאלפן געווארן מיט קיין קינדער, האט ער דאן בעצת פון די צדיקי הדור זיך געשייד פון דעם זיווג ראשון, און האט בעצת פונעם הייליגען שינאווא רב זי"ע חתונה געהאט בזיווג שני מיט הרבנית הצדקת מרת חי' ע"ה,
בת הגה"ק רבי חיים יונה האלפרין ראב"ד ריישא זי"ע,
בן הגה"ק רבי אלכסנדר שמואל בעל שו"ת מהרא"ש אב"ד לבוב גאליגורי זי"ע.

נאכן הסתלקות פונעם גרויסן זיידן דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, האט דער אייניקעל אן גענומען דאס רבנות אין שטאט בוקאווסק, און נאך א שטיק צייט האט ער זיך געצויגען פאר א קורצע צייט קיין פשעווארסק, דער צדיק איז שוין דאן געווען גאר שטארק מפורסם אלס א איש קדוש מאוד און א בעל מופת עצום מאוד, הונדערטער אידן זענען שוין דאן געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, און טויזענטער אידן האבן געזען גרויסע מופתים און ישועות ביי דעם צדיק.

סוף ימיו האט זיך דער צדיק געצויגען קיין ריישא, און דארט איז ער נתפרסם געווארן אלס איינע פון די גרעסטע רבי'ס בימיו, די חסידים פון זיין גרויסן טאטן מרודניק האבן זיך מדבק געווען אין דעם זון און געקומען זיך מסתופף זיין בצלו, אויך האבן גאר אסאך חסידי צאנז זיך מדבק געווען אין דעם צדיק וקדוש, און אויף דעם שטאט ריישא ווערט דער צדיק גערופן עד היום "רבי אלעזר ריישער זי"ע".

גרויסע צדיקים בדורו האבן געשיקט כסדר אידן וואס זענען זיך צו זיי געקומען מזכיר זיין פאר ישועות, צום גרויסן צדיק פון ריישא, ובפרט אין עניני רפואה איז דער

צדיק געווען די ערשטע אדרעס, הונדערטער מעשיות ווערט דערציילט וואס אידן האבן געזען ישועות ממש חוץ לדרך הטבע ביי דעם צדיק וקדוש,

אויך דער הייליגער דברי יחזקאל משינאווא זי"ע האט געשיקט אידן פאר ישועות צום צדיק מריישא, און אויך דערציילט מען, אז ווען דער הייליגער שינאווע רב אליין איז אמאל נישט געזונט געווען, האט ער געשיקט זיך מזכיר זיין ביי רבי אלעזר ריישער זי"ע,

אויך ווערט דערציילט אז הרה"ק רבי אשר אנשיל יונגרייז בעל מנוחת אשר מטשענגער זי"ע וואס איז געווען מפורסם מיט זיין גרויסע כוח פון רפואה, האט גאר אסאך עוסק געווען צוזאמען מיט דעם צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע אויף ברענגען גרויסע ישועות פאר אידישע קינדער,

אויך אנדערע צדיקי הדור האבן מעיד געווען אז דער צדיק איז א גרויסע פועל ישועות, און צדיקים האבן געזאגט, אז ביי דעם צדיק וקדוש האט מען געזען אפענע מופתים ממש וואס מען האט כמעט נישט געזען בימיו ביי קיין שום צדיק, ממש ווי די דרך הבעש"ט הקדוש זי"ע,

דער צדיק וקדוש אפילו באוווייזענדיג אזויפיל מופתים און ישועות, איז ער אבער געווען א געוואלדיגע ענוותן כהלל און א שפל ברך, ער האט פון זיך קיינמאל נישט געמאכט קיין ווען, נאר אדרבה ער האט כסדר גערעדט פון זיין שפלות און ווי נידעריג ער איז אין עבודת השם, ער האט פארמאגט א געוואלדיגע אהבת ישראל און ער האט יעדן איד ליב געהאט אהבת נפש ממש,

גאר אסאך חסידים אפילו פון אנדערע חסידות'ער זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו און געקומען פאר א ברכה, און פון גאנץ גאליציה איז מען געקומען צו דעם צדיק, ער האט כסדר באהאלטן זיינע מופתים און פראבירט דאס צו פארשטעקן אין פשוטע עבודות ווי שרייבן רעצעפטן פאר חולים וואס זיי זאלן טראגן צום אפעטייק, אבער די אפעטייקער האבן געוויסט אז די רעצעפט מאכט בכלל נישט אויס, נאר דער צדיק היילט מיט זיין הייליגע כוחות, אסאך מאל האט דער אפעטייק גאר געזאגט, אז די רעצעפט וואס דער צדיק האט געשריבן, איז לויט זיין פארשטאנד גאר סם המות, אבער אז דער צדיק האט דאס געגעבן האט דאס געהאלפן,

ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה, ער האט יעדן טאג געלייגט צוויי פאר תפילין צוזאמען רש"י און ר"ת און ער האט דאן עוסק געווען אין ספרי האריז"ל און אויך אין די הייליגע חסידישע ספרים ווי נועם אלימלך, דברי חיים, בני יששכר, און נאך חסידישע ספרים, אויך זיין עסן און שלאפן איז געווען מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה, דער צדיק איז כמעט נישט געשלאפן ביינאכט, ער פלעגט אויפשטיין יעדע פערטל שעה, און זיך געוואשן די הענט,

דער צדיק האט געהאט א געוואלדיגע עבודה ביי די דברי תורה ביים טיש, ער האט יעדע וואך שבת קודש אויף געמאכט א חומש צו די סדרה, און ער האט געזאגט א פסוק פון חומש, און דאן אויב האט זיך געזאגט תורה, האט דער צדיק געקענט זאגן תורה פאר שעות אריכות, און עס איז געווען כמעין המתגבר, אבער אויב האט ער נישט געשפירט ווי די תורה זאגט זיך, האט ער יענעם וואך בכלל נישט געזאגט קיין תורה,

ער האט איבער געלאזט פאר די וועלט זיינע הייליגע דברי תורה וואס זענען גדעריקט געווארן אינעם ספר משנה למלך על התורה, און דער צדיק וקדוש מיט זיין גרויסע ענוות האט נישט געשריבן קיין נאמען פונעם מחבר, נאר האט דאס געלאזט ליידיג אן קיין נאמען ווער עס האט די דברי תורה מחבר געווען,

א גרויסע פלא איז, אז דער צדיק וקדוש רבי אלעזר מריישא זי"ע איז געווען גאר שטארק מקושר מיטן לערנען דעם הייליגען חיבור פון אור החיים הקדוש זי"ע, און דער צדיק איז נסתלק געווארן דעם זעלבן טאג ט"ו תמוז, און פון ביידע זענען ליידער נישט געבליבן קיין דורות ל"ע,

אויך דערציילט מען, אז דער צדיק רבי אלעזר נאך זיין לוי' וואס איז געווען מיט א געוואלדיגע יאגענישט, איז ער געקומען אין חלום צו איינע פון די חברא קדישא, און געזאגט, עט'ץ מיינט אז איר האט מיך געטראגן לקבורה, דער הייליגער אור החיים הקדוש זי"ע האט מיך געטראגן לקבורה, ווייל בדרך הטבע האט די צייט נישט געשטימט מיט די קבורה, נאר עס האט געמיזט זיין מיט קפיצת הדרך,

ער האט געהאט איין טאכטער א בת יחידה הצדקת מרת קריינדל פינקל ע"ה, הי"ד, אשת הרה"ק רבי שלמה

הורוויץ זי"ע, בן הרה"ק רבי צבי הירש הורוויץ מראזוואדוב זי"ע, בן הרה"ק רבי משה מראזוואדוב זי"ע, בן הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע.

אבערליידער איז די טאכטער קריינדל ע"ה און איר הייליגע מאן און די קינדער, שיינדל גיטל, אלעזר, ביילא, אלע אומגעקומען אויף קידוש השם דורך די דייטשן ימ"ש, און עס איז ליידער נישט געבליבן קיין דורות פון דעם צדיק וקדוש.

ארץ אל יכסה דמם ואל יהיה מקום לזעקתם עדי עד ישקיף ד' ויראה בצרת עמו ויגאלנו ברחמיו שנית לעיני כל חי בביאת גואל צדק בב"א.

די טאג וואס דער צדיק איז נסתלק געווארן איז געווען ערב שבת קודש פרשת פנחס, און בשעת דער צדיק איז געלעגן אין בעט און געווען גאר שוואך, האט מען געהערט ווי דער צדיק רעכנט אויס נעמען פון די צדיקים וואס קומען אים מקבל פנים זיין ובתוכם זיין הייליגע טאטע זי"ע.

דער צדיק האט זיך נאנט צו זיין הסתלקות אויס געדריקט בזה"ל, "מיך וועט מען אריינריקן ווי א טשולנט", קיינער האט בשעת מעשה נישט פארשטאנען די ווערטער.

ער האט איבער געלאזט א צוואה, אז מען זאל אים ברענגען לקבורה נעבן דעם טאטן, און ווען דער צדיק איז נסתלק געווארן אין שטאט אגומואלא וואס איז נעבן ריישא, איז שוין געווען שפעט פרייטאג נאכמיטאג.

אבער מען האט זייער געטריבן די לוי' כדי צו קענען באערדיגן דעם צדיק אין שטאט סוקולוב, וואס איז געווען א מהלך, און טאקע ממש סמוך צו כניסת השבת, איז דער צדיק געקומען לקבורה, דאן האבן די אידן פארשטאנען וואס דער צדיק האט פאר געזאגט לגבי זיין באערדיגען, הרה"ק רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע האט געזאגט, אז מען האט געזען ווי די זין האט זיך ממש אפגעשטעלט לכבודו פון דעם צדיק וקדוש.

נסתלק לגנזי מרומים ערב שבת קודש פרשת פנחס ט"ו תמוז בשנת תר"ע, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט סוקולוב נעבן זיין הייליגן טאטן זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

הרה"ק רבי אברהם שלום מסטרופקוב זי"ע איז אמאל געווען אויף ל"ג בעומר אין שטאט ריישא, און ער האט אפגעראכטן א סעודה לכבוד ל"ג בעומר אין די שטוב ווי דער צדיק וקדוש רבי אלעזר ריישער זי"ע האט געוואוינט, האט ער דאן דערציילט פארן עולם די מעשה.

אמאל איז געקומען צום טאטן דער הייליגער שינאווא רב זי"ע א איד א חולה מסוכן, אלע דאקטורים האבן שוין אויף דעם איד געהאט אויף געגעבן, זיי האבן נישט געקענט טרעפן קיין רפואה פאר דעם איד, פון גרויס ייאש איז דער איד אריבער געקומען צום שינאווא רב זי"ע און געבעטן אז דער צדיק זאל אים פויעלען א ישועה, דער שינאווא רב האט זיך געזעצט שרייבן א בריוו צום צדיק וקדוש רבי אלעזר ריישער זי"ע.

און דער שינאווא רב האט דארט זייער געבעטן דעם צדיק רבי אלעזר, אז ער זאל פאר דעם איד וואס די דאקטורים האבן אויף געגעבן ברענגען א רפואה, און דאן האט דער שינאווא רב זי"ע געגעבן דעם בריוו פאר דעם איד, און ער האט אים געהייסן גלייך פארן קיין בוקאווסק ווי דער צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע האט נאך דאן געוואוינט, און זאל דעם בריוו געבן פארן צדיק, און ער וועט בעזהשי"ת האבן א רפואה שלימה.

פארשטייט זיך אז דער צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע האט דעם איד אויף גענומען און אים געהאלטן פאר צוויי וואכן ביי זיך אין שטוב, ביז דער איד איז געזונט געווארן, אבער ווען דער איד האט זיך געגרייט אהיים צו פארן, האט דער צדיק רבי אלעזר געבעטן דעם איד, אז ער זאל קודם אריבער גיין קיין שינאווא צום הייליגען דברי יחזקאל זי"ע, און רבי אלעזר האט אפ געשריבן א בריוו פארן שינאווא רב, ווי ער שרייבט פארן שינאווא רב, אז ער שיקט אים צוריק דעם איד וואס איז שוין ב"ה געזונט.

ווען דער הייליגער שינאווא רב זי"ע האט געליינט דעם בריוו און זיך שטארק פארטיפט אינעם בריוו, האט ער גענומען קלאפן מיט זיינע הייליגע הענט אויפן טיש און האט זיך אויס געדריקט בזה"ל, "אין הימל טיילט מען איין יעדן צדיק זיינע תפקידים און פעולות ווי אזוי צו העלפן אידישע קינדער, אין רפואה זאכן האט מען אין הימל אויפגענומען דעם בוקובסקער ריישער רב, און ער האט אויף דעם וועלט דעם כוח הרפואה".

החסיד ר' שאול פאסטן ע"ה האט זיך געדארפט שטעלן צום מיליטער, איז ער אריין בעטן א ברכה פון רבי אלעזר ריישער זי"ע, אז ער זאל באפרייט ווערן, האט אים דער צדיק רבי אלעזר געזאגט, "איך וויל זען ווי אזוי דו גייסט", און ער האט אים געהייסן גיין אהין און אהער און שטוב, דערנאך זאגט אים רבי אלעזר, "דו טויגסט נישט", דאס מיינט אז דיין גיין איז נישט ווי אזוי מען דארף האבן פון א סאלדאט.

ווען ר' שאול איז געקומען זיך שטעלן פאר'ן מיליטער, האבן די דאקטוירים אים געהייסן גיין אין שטוב אהין און אהער, ווייל זיי ווילן זעהן זיין גאנג, ווען ער איז געגאנגען אין שטוב, האבן זיי זיך צעלאכט און געזאגט, "דו טויגסט נישט, דו ביסט נישט פאר אונז", ממש די זעלבע ווערטער וואס רבי אלעזר האט געזאגט, פארשטענדליך אז ער איז באפרייט געווארן פון מיליטער.

הרה"ק רבי אלעזר פון ריישא זי"ע איז ווי באקאנט געווען אן אידעם בזיווג ראשון ביי הרה"ק רבי דוד'ל קשאנובער זי"ע, ער איז געווען גאר יונג ווען ער איז געווארן דעם צאנזער רב'ס אייניקל, ער איז געווען זעהר באליבט ביים זיידן דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, סיי וועגן דעם וואס ער איז געווען א "בן אחר בן" פונ'ם רבי'ן רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, אבער אויך ווייל זיין פאטער רבי אלימלך רודניקער איז געווען א נאנטער חבר פונעם צאנזער רב, און אויך אלס "יחוס עצמו", ווייל רבי אלעזר איז געווען א גדול בתורה און א קדוש עליון.

האט אבער פאסירט א מעשה וואס האט אויף א קורצע צייט אפ געקילט די גרויסע אהבה פונעם צאנזער רב צום אייניקל, און די מעשה איז געווען ווי פאלגאנד, בעפאר סוכות פלעגט מען ברענגן פאר'ן צאנזער רב א קעסטל אתרוגים, און דער צאנזער רב פלעגט זיך אויסקלויבן א שיינע אתרוג לכבודו יו"ט סוכות, און נאכדעם פלעגט ער געבן פון דעם פאר זיינע קינדער און אייניקלעך.

דעם ערשטן יאר פון רבי אלעזר'ס חתונה, וואס ער איז דעמאלט געווען גאר יונג, און האט פארשטאנען אז מן הסתם וועט ער באקומען גאר א שוואכן אתרוג, ווייל ער איז דאך דער יונגסטער אייניקל, האט ער זיך בארעכנט אז ער וועט זיך מקדים זיין און נעמען א שיינעם אתרוג ווייל אויב נישט יעצט, וועט ער דאך האבן גאר א שוואכן אתרוג, און פרשטייט זיך אז ער וועט נאכדעם זיך פארעכענען מיטן זיידן און באצאלן דעם אתרוג, אומר ועושה, און ער האט גענומען אן אתרוג וואס איז אים געפאלען.

ווען מען האט געברענגט דעם קעסטל צום צאנזער רב זי"ע, האט ער תיכף מרגיש געווען אז מען האט שוין פון דארט אראפ גענומען אן אתרוג, דער צאנזער רב איז געוואויר געווארן אז רבי אלעזר האט עס געטוען, און דער צאנזער רב האט געהאט א גרויסע הקפדה אויף רבי אלעזר.

רבי אלעזר האט דאן זייער געבעטן זיין פעטער דער גארליצער רב זי"ע א ברודער פון זיין הייליגן שווער דער קשאנובער רב זי"ע, אז ער זאל גיין מפייס זיין דעם זיידן אין זיין נאמען, אבער דער צאנזער רב האט זיך נישט געלאזט איבערבעטן, אויך האט ער געשיקט זיין רעבעצין, אבער דער צאנזער רב איז נאך אלץ נישט געווארן איבערגעבעטן, ביז רבי אלעזר האט זיך מיישב געווען, אז ער גייט גיין אליין פרובירן זיין מזל.

ווען רבי אלעזר איז אריין אין שטוב פונעם צאנזער רב, איז אויף אים געפאלן א שרעקליכן פחד, ער האט קוים ארויס געזאגט פון מויל די ווערטער, "רבי, איך וועל שוין זיין גוט", אבער ווען דער הייליגער דברי חיים האט געהערט די אמתע ווערטער, איז דער הייליגער דברי חיים שטארק נתרגש געווארן פון די ווערטער פון רבי אלעזר, און געגעבן א זאג, "איך וועל שוין אויך זיין גוט, לאמיר זיין אינאיינעם גוט", און דער צאנזער רב האט אים מוחל געווען בלב שלם, פון דעם קען מען זען דאס התקשרות פונעם אייניקעל צום זיידן, און אויך וואס די אמתע צדיקי הדור האבן געוואלט, אז א איד זאל באמת וועלן זיין גוט.

הרה"ח ר' שמואל בריכטא ז"ל האט דערציילט די מעשה וואס ער האט אליין געהערט פון דעם צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע, דער צדיק הרה"ק רבי אהרן הורוויץ מביטש זי"ע וואס איז געווען א אידעם ביים הייליגן צאנזער רב זי"ע, האט אמאל גאר שטארק געליטען אויף א אנטצינדונג אין א צאן, און די דאקטוירים האבן אים אן געזאגט, אז ער זאל אריבער פארן קיין דייטשלאנד צו א גאר גרויסער פראפעסער, וואס וועט אים קענען העלפן מיט דעם שרעקליכן צאן וויטאג.

פארענדיג אויפן וועג קיין דייטשלאנד, איז דער צדיק רבי אהרן דורך געפארן דעם שטאט ריישא, ווי מען האט

געברויכט טוישען באן, האט דער צדיק רבי אהרן באשלאסן אריין צו גיין צום צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע, און זיך מזכיר זיין לגבי זיין שרעקליכע ציין ווייטאג, און אפשר וועט דער צדיק אים קענען העלפן מיט א ישועה,

אריין קומענדיג צום צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע, האט אים דער צדיק געפרעגט, וויז מיר וועלכע צאן טוט דיר ווי, דער צדיק רבי אהרן האט אנגעוויזן פאר צדיק רבי אלעזר וועלכע ציין האט די ווייטאג, האט דער הייליגער צדיק רבי אלעזר זי"ע אריינגעלייגט זיינע הייליגע הענט אינעם מויל פונעם בייטשער רב, און האט דעם צאן ארויס גענומען, און לפלא איז דאס גאנצע ווייטאג גלייך פארהיילט געווארן, און ער האט שוין מער נישט געברויכט פארן קיין דייטשלאנד,

דער צדיק וקדוש רבי אלעזר מריישא זי"ע האט געפירט די רבי'סטעווע מיט א ספעציעלע סדר היום, ער האט זיך אסאך אפגעגעבן מיט צובראכענע מענטשן, און זיין הויז איז געווען אפן פאר יעדן איד, זיין טיילן צדקה איז געווען מיט א ברייטע האנט דאס וואט ער האט געזעהן ביים זיידן אין צאנז,

רבי אלעזר פלעגט נישט שלאפן מער פון 2 ביז 3 שעה אין א מעת לעת, און אסאך מאל דאס אויך נישט, יעדע פערטל שעה פלעגט ער זיך אויפכאפן און וואשן די הענט, און אזוי האט דער צדיק אפ געראכטן זיינע נעכט, און מיט דעם אלעם איז ער שטענדיג געווען פריש און פריילעך, און די אלע וואס זענען געווען ארום אים פלעגן פון זיין שטראלנדיגן ליכטיגן געזיכט פריילעך ווערן,

יעדן מיטאג פלעגן דארפן עסן מיט אים לפחות א מנין אידן, און ער האט יעדן טאג געזאגט תורה פאר זיי מערסטענס פון זיין רבי'ן דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, וואס ער פלעגט זיינע תורות צושפרייטן און פארברייטערן, גאנץ חודש אלול פלעגט ער זיין אין צאנז כדי צו זיין נאנט צום ציון פון דעם דברי חיים, און דארט פלעגט ער יעדן טאג גיין און מתפלל זיין פארן כלל ישראל, און דארט אויפן ציון הקדוש אין צאנז, האט דער צדיק געפועלט גרויסע ישועות פאר אידן,

וויבאלד ער איז נישט געהאלפן געווארן מיט קיין קינדער מיטן ערשטן זיווג, האבן צדיקים איהם געהייסן זיך שיידן, און דער שינאווא רב זי"ע האט איהם געעצה'ט צו נעמען בזיווג שני די טאכטער פון רבי חיים יונה הײלפרין דער רב פון ריישא, אין יאהר תרס"ד ווען רבי אלעזר איז שוין געווען אין עלטער פון 66 יאר, האט ער נאך קיין קינד נישט געהאט,

אין חודש אלול איז ער געפארן ווי זיין שטייגער קיין צאנז צום ציון קדשו פונעם דברי חיים זי"ע, און דער שווער איז מיט איהם מיט געפארן, און איידער מ'איז אריין אין אוהל פון צאנזער רב, האט צו אים דער שווער געזאגט, יעצט איז זיכער צייט וואס ער קען אויס בעטן ביים צאנזער רב אויף קינדער,

אבער רבי אלעזר האט אים נישט געענטפערט, אויף דעם וועג צוריק פארנדיג איז רבי אלעזר איינגעשטאנען ביי דעם גביר ר' משה הכהן אין שפיטובקה כדי זיך דארט אפרוען פון וועג, האט ער דארט זיך אנגערופן, ווען איך בין אריין צום ציון פון צאנזער רב, האט מען מיר געעצה'ט אז איך זאל מתפלל זיין פאר מיין פריוואטן ענין אויף קינדער,

אבער ווען מען גייט אריין צום ציון פונעם רבי'ן פארגעסט מען פון זיך, ווייל דארט דארף מען דאך מתפלל זיין אויף אסאך העכערע זאכן, און גלויבט מיר אז איך האב נישט געקענט מתפלל זיין פריוואט פאר מיר, דאס יא איך האב דארט אינזינען געהאט, אז איך בין נאך נישט געקומען צו די דרגה פון מקיים זיין בשלימות די מצוה פון אהבת ישראל, און אז איך בין נישט זוכה צו מקיים זיין דעם ואהבת לרעך כמוך אין די ריכטיגע הויכע מדריגה, דעריבער האב איך געבעטן ביים רבין אז איך זאל דערצו זוכה זיין, לפלא צום יאר איז רבי אלעזר געהאלפן געווארן מיט א קינד, מיט די חשובע איינציגסטע טאכטער, וואס ער האט געהאט מיטן זיווג שני,

ווען עס איז געקומען די ידיעה און מ'האט איבער געזאגט דעם ווארט וואס רבי אלעזר האט געזאגט ארום דעם ענין פון אהבת ישראל און ואהבת לרעך כמוך, וואס ער האט אים אויס געפועלט, און ער האט אויף דעם געבעטן, האט דער צעשינובער רב זי"ע מסביר געווען,

אז געמיינט האט רבי אלעזר מיט זיין תפילה, לויט דעם וואס דער באר משה אין פרשת לך לך זאגט, אז דער וואס האט נישט קיין קינדער, פעלט אים דער חלק פון קענען ליב האבן א איד און צו קומען צו די הויכע דרגה פון ואהבת לרעך כמוך, ווייל די ליבשאפט וואס מ'האט צו אייגן קינד ברענגט אריין אין דעם מענטשן דעם כוח

פון אהבה, און לערנט איהם ווי אזוי ליב צו האבן א חבר, און מיט די תפילה צו קענען צוקומען צו אהבת ישראל און ואהבת לרעך כמוך האט ער געפויעל'ט פאר זיך א קינד,

בעיקר איז געווען דער צדיק וקדוש רבי אלעזר ריישער זי"ע מפורסם מיט זיין גרויסע כח הרפואה, וואס אויף דעם האבן מעיד געווען כמה צדיקים, אז זיין כח הרפואה איז אין בדומה, ער פלעגט שרייבן רעצעפטן, אבער דער שינאווא רב פלעגט זאגן אז נישט די רעצעפטן היילט, נאר די תפלות, ווי אויך ר' אלעזר פלעגט זאגן אז ער גיבט נישט קיין רעצעפט, נאר ווען ער ווייסט די מאמע'ס נאמען, דער הייליגער צדיק רבי ברוך'ל גארליצער זי"ע פלעגט אים רופן "דער ריישא'ער דאקטער",

הרה"ק רבי אלעזר ריישער זי"ע פלעגט טייטשן, אז א איד דארף א רפואה, איז קודם בורא רפואות, מ'גייט צו א דאקטער, דערנאך אז דער דאקטער העלפט נישט, נורא תהילות, זאגט מען תהלים, און אז ס'איז נאך אלץ נישטא קיין ישועה, אדון הנפלאות, פראווועט מען א מופת'ל,

יעדע מין קראנקייט פלעגט ער היילן, אפילו משוגעים, דער צדיק האט געהאט א גאר גרויסע עבודה ביי קידוש פרייטאג צונאכטס, וואס דאן האט דער צדיק געפויעלט ישועות חוץ לדרך הטבע, מ'פלעגט ברענגען צום טיש משוגעים צו געבינדן מיט שטריק, און נאך קידוש האט מען זיי אויף געבינדן און אהיים געפירט געזונטערהייט,

פיל מעשיות ווערט דערציילט ווי ר' אלעזר מיט זיינע בלויזע הענט האט געמאכט רפואות, פשוט ווי ער האט צו גערירט איז געווארן אוים געהיילט, צו צאן ווייטאג וכדומה, פיל מאל האט ער פשוט צו גערירט צום מויל, און די ווייעדיגע ציינער האבן ארוים שפאצירט,

צו מאל זענען די רפואות געווען ממש בגדר תחיית המתים, א איד איז אמאל צוזאמען געפאלן אין ביהמ"ד, ר"ה אינמיטן דאווענען, דער איד האט אוים געזען אן קיין סימני חיים, ר' אלעזר איז צוגעגאנגען צו דעם איד און געזאגט, ביי מיר אין ביהמ"ד וועסטו נישט פייגערן, וואס כדרכו האט ער געהאט אזעלכע שארפע לשונות, און געזאגט, נאך דיין טויט וועט זיין א גרויסע פראסט,

לפלא דער איד איז גלייך אויף געשטאנען פון דער ערד כאילו לא הי' און געלעבט אסאך יארן, אבער ווען ער איז אוועק פון דער וועלט, איז געווען אזא פראסט, אז די חברה קדישא האבן געמוזט האקן מיט האמער'ס אויפצועפענען דעם אייז פונעם מקום הקבורה.

אמאל אינמיטן טיש ביים צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע, איז געווארן א גרודער, א איד איז צוזאמען געפאלן, ר' אלעזר האט געפרעגט וואס איז די רעש אז איך בין דא, און ווי נאר ער האט געזאגט די ווערטער, האט זיך דער איד אויף געשטעלט, האט ר' אלעזר געזאגט וועלנדיג משתיק זיין דער מופת, אז איך בין דא קען ער נישט שטארבן.

א פרוי איז אריין געקומען וויינען אז איר מאן איז זייער קראנק, האט ר' אלעזר געענטפערט כדרכו, דיין מאן גייט שטארבן, די פרוי האט אנגעהויבן נאך מער צו וויינען מיט יללות, האט ר' אלעזר געזאגט, איך האב דען געזאגט אז ער גייט שוין שטארבן, ער וועט לעבן, און צום סוף וועט ער שטארבן ווי יעדער מענטש, כך הוה דער איד איז געזונט געווארן און מאריך ימים געווען,

אסאך מאל האט ער מסתיר געווען זיינע ברכות אין דברים נסתרים, ווי א חתן איז אריין פאר די חתונה בעטן א ברכה, האט אים ר' אלעזר געוואונטשן, די באקאנטע קללה פון הקב"ה צום שלאנג, "על גחונך תלך ועפר תאכל כל ימי חייך", און דער צדיק האט צו געענדיגט די ברכה בזה"ל, "און זאלסט ברעכן דיין קארג",

דער חתן וואס האט נישט פארשטאנען די ברכה, האט אנגעהויבן זייער צו וויינען פארוואס ר' אלעזר שעלט אים, האט אים ר' אלעזר געזאגט זיין כוונה, אז דאס איז גרויסע ברכות, זאלסט זיין א גביר, "על גחונך", זאלסט האבן א בויך ווי גבירים, "תלך", זאלסט גיין בעבודת ד' נישט זיין פאריאגט, "ועפר תאכל כל ימי חייך", זאלסט האבן פרנסה מצוי לעבן דיר ווי דער נחש, און נאך א ברכה זאלסט נישט זיין קיין קמצן, זאלסט ברעכן דיין קארג, "קארגשאפט".

איינמאל האט זיך געמאכט אין שטאט לאנצהוט א מכה פון מייז, און די מייז האבן גאר אסאך חרוב געמאכט אין שטאט, און מען האט זיך נישט געוויסט ווי אזוי זיך אן עצה געבן דערמיט, זענען די אידן אריבער צום צדיק וקדוש רבי אלעזר ריישער זי"ע, און זיי האבן געבעטן אז ער זאל זיי העלפן מיט די צרה, האט דער צדיק רבי אלעזר געזאגט בזה"ל, "אין אמת'ן אריין, פאר מייז ניצט

מען א קאַן נאך מער ווי א רבי", אבער אויב ווילט איר מיך פאלגן, זאל מען טון ווי דער טאטע רבי אלימלך מרודניק זי"ע האט געטון,

און רבי אלעזר ריישער זי"ע האט זיי דערציילט די מעשה, איינמאל איז דער טאטע רבי אלימלך זי"ע געווען אין שטאט סיגוט, און די אידן פון שטאט אינטערדאם זענען געקומען מזכיר זיין ביים טאטן רבי אלימלך, אז אין שטאט איז דא א גרויסע פאבריק ווי מען מאכט ברוינפען פון ווייץ, און עס האבן זיך אריין געכאפט א גאנצע מחנה פון מייז וואס מאכן חרוב די גאנצע פאבריק, און זיי ווייסן נישט וואס צו טון,

האט דער טאטע דער צדיק רבי אלימלך מרודניק זי"ע געהייסן, אז זיי זאלן גיין זאגן פאר די מייז, אז רבי אלימלך מרודניק האט געהייסן זיי זאלן שוין פארלאזן דעם פלאץ, אזוי ווי מען האט געטון וואס דער טאטע האט געהייסן, האבן זיי פלוצלונג געזען ווי מחנות פון מייז שפאצירן ארויס פונעם פאבריק, און אלע זענען גלייך געגאנגען צום טייך סאמאש וואס איז געווען צווישן נאסויד און אינסטערדאם, און אלע מייז זענען לעבעדיגערהייט אריין געשפרינגען אין וואסער, און מען איז פטור געווארן פון די מייז, ויהי לפלא,

דאן האט דער צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע געזאגט פאר די אידן פון לאנצהוט, גייט זאגט פאר די מייז, אז רבי אלעזר מריישא האט געהייסן, אז זיי זאלן אלע שוין פארלאזן די שטאט לאנצהוט, און לפלא אזוי ווי די אידן פון לאנצהוט האבן געטון וואס דער צדיק רבי אלעזר האט געהייסן, האט מען מער קיין מייז נישט געזען אין די גאנצע שטאט.

צווישן די פיל וואונדער, איז אויך דא די אפאנע רוח הקודש, פון דאס זעהן פאראויס וואס עס ווארט אויף כלל ישראל, און דער צדיק האט פראבירט צו העלפן אידן, מיטן שיקן קיין אמעריקא, אין די צייט וואס אנדערע צדיקים האבן נישט געלאזט פארן קיין אמעריקא, ער פלעגט זאגן ס'איז כדאי זיך צו פארקויפן דעם חתן זייגער, און פארן קיין אמעריקא, דארט איז א מקום הפרנסה, און דארט וועט משיח קודם קומען,

ווען מ'פלעגט אים פרעגן, אז מ'זאגט דאך אז אין אמעריקא זענען די שטיינער טריפה, האט ער געענפערט, "מ'גייט זיי כשר'ן", און געזאגט א מורא'דיע נביאות, "ווען אידן וועלן שטיין ביי די שיפן מיט טרערן און די אויגן צו פארן קיין אמעריקא, וועט שוין זיין צו שפעט", און דאס איז געווען א פחד נורא, ווייל אזוי איז באמת געווען, מ'האט נישט אריין געלאזט אידן קיין אמעריקא און אפילו צוריק געשיקט אין לייבן גרוב,

ווי באקאנט האט ער געשיקט איינער פון זיינע חשוב'סטע חסידים הרה"ח ר' צבי באק ע"ה קיין אמעריקא, זאגנדיג אז די ווילסט האבן דורות פאר קיין אמעריקא, און אמאל איז ער געפארן מיט זיין שוואגער ר' לייבוש ט"ב אב"ד קאלבאסאוו זי"ע אונטעוועגנס, דורך פארנדיג א מיליטערישע לאגער פון די פוילישע ארמאי, האט ר' אלעזר באטראכט דעם גאנצן לאגער, די מאגאזינען מיט אלעם, צום סוף האט ער געזאגט עה דאס איז נישט קיין מלוכה,

און דער צדיק האט ווייטער געזאגט, אז אסאך רבי"ס האבן טענות אויף מיר אז איך האב געשיקט אזא טייערע אינגערמאן ווי הערשל באק קיין אמעריקא, אבער וואס זאל איך טון, איך זעה, אז עס וועט קומען א צייט ווען עס וועט ברענען און בראטן די ערד אונטער אידישע פיס, מ'וועט שטיין ביי די אמעריקאנער טויערן בעטן מ'זאל ווערן אריין געלאזט,

יעצט אז איך קען ראטעווען איין איד, זאל איך אים נישט ראטעווען, פאלג מיך מיין שוואגער און פאר קיין אמעריקא, אינצווישן איז ר' אלעזר נסתלק געווארן, און ר' לייבוש האט פארגעסן פון די מעשה, צום סוף פון די ערשטע וועלט קריג, איז געווען א פראגראם אין קאלבאסאוו, ר' לייבוש האט זיך באהאלטן אין א קעלער, אין די גוים האבן אים צושפאלטן דעם קאפ, דאן האט ר' לייבוש געזאגט, ווען איך זאל פאלגן ר' אלעזר וואלט איך אנגעקומען קיין אמעריקא מיט א גאנצן קאפ, אזוי קום איך קיין אמעריקע מיט א צושפאלטערטע קאפ,

אין ירושלים איז געווען א איד וואס האט געהינקעט אויף א פיס, מלא צרות יגון ואנחה, אבער אייביג געווען פריילעך, האט דער איד פארציילט, אז ער איז געבוירן אין די שטאט ריישא, און ביי זיין ברית האט דער צדיק וקדוש ר' אלעזר ריישער זי"ע געהייסן געבן דעם נאמען שמחה, און אז ר' אלעזר הייסט שמחה, דעמאלטס קען זיך די שמחה נישט אפטון עד היום הזה, און דעריבער איז ער אלץ בשמחה,

אמאל בעפאר סוכות איז געקומען א איד צום צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע מזכיר זיין די ווייב וואס האט

געדארפט אדורכגיין אן אפעראציע, וואס איז געווען פארבינדן מיט א גרויסע סכנה ל״ע, דער מאן האט געוואלט דורך שמועסן און פרעגן רבי אלעזר וואס צו טוען, און ווען ער איז אנגעקומען, האט רבי אלעזר געהאלטן אינמיטן זיין עבודת הקודש פון לייגן סכך אויף די סוכה.

ווען רבי אלעזר האט אים באמערקט, האט ער אים געפרעגט וואס ער וויל, האט דער איד געענטפערט, "וויבאלד דער רבי שטייט יעצט אויף די לייטער, וועל איך צו ווארטן ביז ווען דער רבי וועט אראפקומען פון לייטער", רבי אלעזר האט זיך אבער איינגעשפארט און געזאגט אז ער זאל תיכף פרעגן, דער איד האט געפרעגט זיין שאלה, צי ער זאל מאכן די סכנה׳דיגע אפעראציע.

האט זיך דער צדיק רבי אלעזר ריישער זי״ע אנגערופן בזה״ל, "יא זאלסט אפערירן און זי וועט שטארבן!", דער איד האט זיך דערשראקן און אויסגעשאסן אין א ביטערליך געוויין, זאגט אים רבי אלעזר, "ס׳איז ריכטיג, זאלסט לאזן מאכן די אפעראציע, און זי וועט שטארבן אבער נישט תיכף נאר אין פופציג יאר ארום", וואס האסטו געוואלט אז זי זאל לעבן אויף אייביג, לפלא אזוי איז געווען, מען האט געמאכט די אפעראציע און זי האט מאריך ימים געווען, אבער פופציג יאר שפעטער, צוויי טעג פאר סוכות איז זי נפטר געווארן.

הרה״ק רבי דוד׳ל בריזל מריישא זי״ע האט דערציילט, אז פרייטאג פארנאכט ביים טיש פון דעם צדיק וקדוש רבי אלעזר ריישער זי״ע האט מען געזען ממש פלאים גאר גרויסע מופתים ממש חוץ לדרך הטבע, נאך קידוש האט דער צדיק ארום שפאצירט צווישן עולם און געגעבן פון די קידוש וויין, און מען האט געזען ממש ווי אידן זענען אויפן פלאץ אויס געהיילט געווארן.

אבער עס איז געווען א פלא, אויב דער איד איז געווען פריילעך און בשמחה, איז יענער איד אויס געהיילט געווארן די ערשטע וואך, אבער אויב דער איד איז געווען בעצבות, האט ער געברויכט קומען אפאר וואכן, איין וואך איז געקומען א איד א חולה נפש וואס איז געווען פריילעך, אבער ער איז געקומען אפאר וואכן און נישט געווארן געהאלפן.

איז איינע פון די קרובים צו געגאנגען צום צדיק און געפרעגט, אז דא איז דא א חולה וואס קומט שוין אפאר וואכן און ער איז א פריילעך אידל, איז פארוואס איז ער נאכנישט אויס געהיילט געווארן, האט דער צדיק געזאגט, אלע וואס קומען שטייען אין די רייע גלייך און איך קען זיי גלייך העלפן, אבער דער איד שפאצירט ארום און האט נישט קיינער וואס זאל אים האלטן גלייך, און דערפאר קען איך אים נישט העלפן, האט דער איד דעם קומענדיגע וואך געמאכט זיכער צו האלטן דעם איד גלייך ווען דער צדיק האט ארום שפאצירט, און גלייך נאכן טיש איז דער איד ארויס געגאנגען געזונט כאחד אדם.

א איד איז אמאל געקומען צום צדיק וקדוש רבי אלעזר ריישער זי״ע און אים דערציילט, אז ביי זיין יונגל האט פאסירט אן אומגליק ל״ע, אז א ווארעם איז אריינגעקראכן אין זיין אויער, און עס איז נאנט צום מוח, מען מוז עס אפערירן, אבער דאס איז א סכנה ווייל עס איז נאנט צום מוח, און דער איד האט געבעטן מיט טרערן דעם צדיק, אז ער זאל העלפן דעם קינד זיינער מיט א ישועה.

דער צדיק רבי אלעזר האט געבעטן דעם טאטן א גרויסן סכום פאר זיינע פילע צדקה צוועקן, כדרכו בקודש ווען א איד פלעגט קומען פאר א ישועה, פלעגט ער אסאך מאל בעטן א גרויסע סכום געלט פאר צדקה.

און דאן האט ער גענומען דאס קינד, און אים ארויס גענומען אינדרויסן, ער האט אים אוועק געלייגט אויף די גראז, מיט׳ן אויער וואס דער ווארעם איז דארט אריין, אויסגעדרייט צו די ערד.

דאס קינד איז דארט אזוי געלעגן א האלבע שעה, עס איז געווען "הפלא ופלא", אז נאך די האלבע שעה האט מען באמערקט אז דער ווארעם איז ארויס אויף די ערד, פארשטענדליך אז עס איז געווארן דערפון א רעש, אזא אפענע מופת.

אבער רבי אלעזר האט מבטל געווען דעם מופת, און ער האט גלייך געזאגט מיט זיין גרויס עניוות, אז עס איז בכלל נישט קיין מופת, ווייל א ווארעם קומט דאך פון די ערד, איז עס דער סדר אז עס זאל זיך ציען צו די ערד, און דערפאר איז די ווארעם ארויס געקראכן.

אין ספר דרך החיים ווערט געברענגט, אז דער צדיק וקדוש רבי אלעזר ריישער זי״ע איז געווען באקאנט אלס א בקי גדול און א בעל מופת עצום בעניני רפואות, איין טאג איז צו אים געקומען א איד מיט א רעצעפט פון דעם

הייליגען מנוחת אשר מטשענגער זי"ע צו פרעגן דעם חוות דעם פונעם צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע,

ווען דער צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע האט איבער געקוקט דעם רעצעפט, האט ער געזאגט, אויב וואלט איר באקומען דעם רעצעפט פון א דאקטאר, וואלט איך געזאגט אז דאס איז סם המוות פאר דיר, אבער וויבאלד דאס קומט פונעם הייליגען מנוחת אשר מטשענגער זי"ע זאלסטו דאס נעמען, ווייל די צדיקים האבן א אנדערן כח ווי א דאקטאר, כך הוה דעם איד איז אויס געהיילט געווארן,

א קבוצה אידן זענען געווען אין פולין בשנת תשפ"ד אויף א נסיעה צו מקומות הקדושים, איינע פון די פלעצער איז געווען סאקאלוב ווי עס ליגן די צוויי צדיקים הרה"ק רבי אלימלך רודניקער זי"ע און זיין זון הרה"ק רבי אלעזר ריישער זי"ע, וואס איז אין א צימענט פעקטארי, וואס ליידער איז די גאנצע ביה"ח חרוב געווארן, אבער בדרך נס איז איבער געבליבן די צוויי הייליגע קברים פון רבי אלימלך און רבי אלעזר זי"ע,

די קבוצה איז אנגעקומען דארט 6 אזייגער נאכמיטאג, און די גדר אריין צו גיין איז געווען פארשלאסן, מען האט פראבירט צו ריפן דעם שומר, אבער דער שומר האט געזאגט אז ער וועט נישט זיין דארט בעפאר א שעה, מען האט געוואלט ווייטער פארן קיין ליזענסק, אבער ווי אזוי לאזט מען דורך דעם געלעגנהייט צו מתפלל זיין אויף אזא הייליג פלאץ, איז וואס טוט מען דא, האט זיך איינע פון די קבוצה אנגערופן, דער צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע האט בחייו געקענט עפענען טירן, קען ער דאך אויך זיכער עפענען טירן יעצט, און מען גייט בל"נ נישט ווייטער, ביז מען קומט אן אינעווייניג אינעם אוהל,

נישט צום גלייבן, אבער 60 סעקונדעס גייט דורך, און א טרעקל פון איינע פון די ארבעטער'ס פונעם פעקטארי קומט צו פארן, און ער מאכט אויף דעם גדר, און ווייזט אונז אז מיר קענען אריין גיין, אבער דער אוהל איז דאך פארשלאסן, גייט דער גוי דער ארבעטער ברענגט א אייזן, און גיט א קלאפ אויפן שלאס, און די טיר פונעם אוהל איז אפען, די אידן זענען אלע געשטאנען פארוואונדערט, מען האט ממש געזען ווי דער צדיק האט צו געהערט אונזערע ווערטער און געשיקט א מלאך המושיע צו אויף מאכן דעם אוהל,

די מעשה ענדיגט זיך נישט דא, צווישן די קבוצה אידן איז געווען איינער א איד וואס איז גאר שטארק מקושר צום צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע שוין פאר יארן, דער יונגערמאן האט געהאט א גאר שווערע זאך וואס ער ארבעט שוין אויף דעם א שיינע פאר יאר, אבער די לעצטע שטיק צייט האט שוין אויס געזען ווי די זאך וועט שוין נישט דורך גיין, און דער יונגערמאן האט שוין כמעט געוואלט אויפגעבן זעענדיג ווי עס ארבעט זיך נישט אויס,

אבער לפלא אזוי ווי דער טיר פונעם אוהל ביים ציון קדשו פון רבי אלעזר ריישער זי"ע האט זיך אויף געמאכט, האט זיך אויך אויף געמאכט א אנדערע טיר, און בשעת די אידן שטייען ביים טיר פונעם ציון, ריפט איינער אריין יענעם איד און זאגט אים די בשורה טובה, "עס איז דורך", מען קען נישט באשרייבן מיט קיין ווערטער דאס התעוררות וואס דארט איז געווען, בשעת מען זעט ווי דער צדיק 114 יאר נאך זיין פטירה, ארבעט ער נאך בעולם העליון פאר אידישע קינדער,

איינמאל איז דער צדיק וקדוש רבי אלעזר ריישער זי"ע געווען ביים פעטער דער הייליגער שינאווא רב זי"ע אויף א שבת, און שטייענדיג שבת ביינאכט ביים שולחן הטהור פונעם פעטער בשעת ער האט אפ געראכטן זיין עבודת הקודש פון קידוש, האט זיך דער הייליגער שינאווא רב זי"ע אנגערופן בזה"ל, "אז משיח צדקנו וועט קומען בשנת תרס"ו, האט רבי אלעזר ריישער זי"ע זיך אנגערופן בזה"ל, "אם יבוא משיח צדקנו בשנת תרס"ו, יצמחו שערות על כף היד", ווי אוועק צו מאכן די ווערטער פונעם הייליגען שינאווא רב זי"ע,

ווען די אידן דארט האבן דאס געהערט, האבן זיי געפרעגט פון רבי אלעזר, פון ווי ער ווייסט אזוי זיכער אז משיח וועט נישט קומען בשנת תרס"ו, האט דער צדיק געזאגט, אז באמת ווייסט ער נישט דאס, אבער אזוי ווי דער פעטער דער שינאווא רב איז געווען אין אזא דביקות עצומה, אז ער איז כמעט געקומען צום מצב פון כלות הנפש, דערפאר האב איך געזאגט די ווערטער, כדי ארויס צו נעמען דעם פעטער פונעם דביקות און פונעם סכנה,

שבת קודש פאר שלום עליכם האט מען נישט געקענט זען אויף רבי אלעזר אז ער גרייט זיך צו די גרויסע עבודה, פון זאגן "עדות" אויף בריאת שמים וארץ, ווייל ער האט דאך פרובירט צו באהאלטן זיין עבודת הקודש, והצנע לכת עם אלקיך, אבער ווען עס איז געקומען צו די ווערטער, "ואעיד אשר בראת בששה ימים כל היצור",

איז דער צדיק וקדוש רבי אלעזר ריישער זי"ע געווארן אזוי פארפלאמט אז עס איז געפאלן אן אימה ופחד אויף די ארומיגע.

אמאל האט מען געברענגט צום צדיק וקדוש רבי אלעזר ריישער זי"ע פרייטאג צונאכטס ביים טיש א שווער קראנקן מענטש ל"ע, ווען רבי אלעזר איז אנגעקומען צום שטיקל, "בחמרא גו כסא, להתקפא חלשין", האט ער איבער געזאגט די ווערטער "להתקפא חלשין" אפאר מאל, וואס איז טייטש צו שטארקן די שוואכע, ביז דער קראנקער איד איז געווארן אינגאנצן אויס געהיילט.

הרה"ח רבי לוי קנעלער ז"ל איז געווען א גרויסע חסיד פונעם צדיק וקדוש רבי אלעזר ריישער זי"ע, איין טאג איז ער געווארן גאר שטארק נישט געזונט און ער איז געווען ממש אין א סכנת מות, איז מען געלאפן צום צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע, און מען האט מזכיר געווען דעם חסיד רבי לוי, און מען האט זייער געבעטן דעם צדיק זאל פועלען א ישועה פאר ר' לוי.

האט דער צדיק רבי אלעזר גענומען זיין שטעקן און האט דאס געגעבן פארן איינע פון זיינע מקורבים ר' מיכל, און ער האט אים געזאגט, גיי אריבער צו ר' לוי אין שטוב, און די זאלסט דיך נישט אפשטעלן פאר קיין שום זאך, און ווען די קומסט אן אין שטוב, זאלסטו געבן א קלאפ פאר ר' לוי און זאלסט אים זאגן אלעזר האט געזאגט זאלסט אויף שטיין.

כך הוה דער ר' מיכל איז שנעל געלאפן צום שטוב פון ר' לוי, און לפלא האט מען אים פראבירט אפ צו שטעלן די גאנצע וועג, אבער ער האט זיך נישט געלאזט, און אזוי ווי ער איז אריין געקומען צו ר' לוי און אים א קלאפ געגעבן מיטן שטעקן, איז דער ר' לוי געזונט געווארן כאחד אדם, און נאך געלעבט אסאך יארן, אלעס נאר מיט א קלאפ פונעם שטעקן פונעם צדיק וקדוש.

הרה"ח רבי משה ביגלאייזן האט דערציילט, אז א מומע זיינער חנה זילבערגער ע"ה, וואס האט געוואוינט אין שטאט ריישא, האט געהאט א קינד, און די מאמע איז איין נאכט געשלאפן מיטן קינד אין א בעט, און צופרי האט זי באמערקט, אז זי איז ל"ע געשלאפן די גאנצע נאכט אויפן קינד, און עס האט זיך נישט געזען קיין סימן פון לעבן אויפן קינד.

מען האט גלייך געכאפט דעם קינד און אריבער צום צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע, און דער צדיק האט געהייסן מען זאל דעם קינד אריין לייגן אין בעט, און יעדער זאל ארויסגיין, און נאך אפאר מינוט האט ער פאר די עלטערן צוריק געגעבן א געזונט קינד, ויהי לפלא.

הרה"ח ר' נפתלי זינגער האט דערציילט, אז זיין טאטע ווען ער איז געווען א קינד, האבן זיי געוואוינט אין שטאט ריישא, איין טאג האבן זיך די קינדער אין שטאט געשפילט ביי א פאס פון וואסער, און איינע פון די קינדער האט גענומען דעם קינד ר' נפתלי'ס טאטע אין אריין געווארפן אין וואסער, און וויבאלד די קינדער האבן דאך מורא געהאט צו גיין דערציילן וואס עס איז געשען, האט מען דעם קינד הערשט ארויס גענומען א צייט שפעטער.

און ר"ל מען האט נישט געזען קיין סימן פון לעבן אויפן קינד, איז מען שנעל אריבער געלאפן צום צדיק וקדוש רבי אלעזר ריישער זי"ע, און מען האט אים געגעבן דעם קינד, ער האט געהייסן מען זאל אים לייגן אין בעט און יעדער זאל ארויסגיין, לפלא אפאר מינוט שפעטער איז ארויס געקומען דער קינד כאחד אדם געזונט און פריש, ממש תחיית המתים.

אין ספר שיח זקנים ווערט געברענגט, אז הרה"ק רבי פנחס חיים הלוי הורוויץ בעל פתחא זוטא ראב"ד קאסוב זי"ע איז אמאל געפארן מסתופף זיין בצלו פונעם צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע אויף א שבת קודש, האט ער דערציילט גאר גרויסע מופתים וואס מען האט געזען דארט ביים צדיק אין ריישא.

איז דארט אנגעקומען א איד וואס איז ליידער געווען אויס געשלאגן אויף די פיס מיט א שרעקליכע אויסשלאג, און די דאקטורים האבן נישט געקענט דעם איד העלפן, ווען מען האט אים מזכיר געווען ביים צדיק וקדוש רבי אלעזר ריישער זי"ע איז געווען בעפאר מנחה, האט דער צדיק געפרעגט מיט א תמימות, ווי לאנג ברויך נעמען אז דאס זאל ווערן אויסגעהיילט, ווייל דער צדיק האט כסדר געארבעט אריין צו ברענגען אמונה אינעם באשעפער.

האט דער איד געזאגט אז ער ווייסט נישט, אבער זיכער נעמט דאס א לאנגע צייט, האט דער צדיק געזאגט, איך גיי יעצט דאווענען מנחה און נאך מנחה וועט מען שוין זען, לפלא ווען דער צדיק רבי אלעזר ריישער איז צוריק געקומען פון מנחה, איז שוין די פיס פין דעם איד געווען אויס געהיילט כאחד אדם.

ווי באוויסט האט דער צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע נישט געלאזט מען זאל אים ריפן רבי, נאר מען האט אים געריפן רב, ווען אימער איינער האט אים געזאגט רבי, האט דער צדיק געפרעגט פון יענעם, בין איך דען דיין רבי און די בוסט דען מיין תלמיד,

איינמאל האט א איד געזאגט רבי, האט דער צדיק געפרעגט, בין איך דען דיין רבי, האט דער איד געזאגט, איר זענט זיכער א ערליכע איד, האט דער צדיק געזאגט בזה"ל, "א ערליכע איד וויסן נאר צוויי, דער הייליגער באשעפער, און די רעבעצין",

הרה"ח רבי אליעזר ארגעל ז"ל א גרויסע חסיד וואס איז געווען א משמש ביים גאון רבי שמעון סופר זי"ע, האט זיך אוועק געצויגען פאר פרנסה קיין ענגלאנד, האט אים זיין טאטע געבעטן, אז כדי ער זאל בלייבן א ערליכע איד, זאל ער יעדעס יאר פארן קיין בעלזא צום צדיק וקדוש רבי יהושע בעלזא זי"ע, און דער חסיד פלעגט טאקע יעדעס יאר פארן אויף שבועות קיין בעלזא,

דארט אין ענגלאנד האט אויך געוואוינט א משפחה פון ערליכע חסידים א גרויסע גביר, וואס האט ליידער געהאט א בחור, וואס ווען ער איז געקומען צו שידוכים, האט דער בחור אפגעמאכט צו חתונה האבן מיט א נישט אידישע פרוי,

פארשטייט זיך אז די עלטערן האבן געהאט גרויס עגמת נפש דערפון, און האבן נישט געוויסט וואס צו טון, מען האט כסדר גע'מיטשעט דעם בחור אז ער זאל ח"ו נישט באגיין אזא שטות פון חתונה האבן מיט א נישט אידישע פרוי,

פון גרויס דרוק איז דער בחור אריין און א מרא שחורה, און נאך א שטיק צייט איז דער בחור ממש אזוי געפאלן אז ער איז נישט געווען ביי זיך, די עלטערן האבן געהאט גרויס צער דערפון, און דעם קומענדיגע מאל וואס דער חסיד ר' אליעזר בריגל איז געפארן קיין בעלזא, האט דער גביר געשיקט א קוויטל פארן בעלזא רב, און געבעטן אז ער זאל דעם בחור מזכיר זיין ביים בעלזא רב,

אויפן וועג איז דער ר' אליעזר בריגל אריבער דעם שטאט ריישא, און ער האט געזען די מופתים וואס אידן זעהן דארט, איז ער אריין מיטן קוויטל צום צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע, און ער האט מזכיר געווען דעם בחור ביים צדיק, און דער צדיק רבי אלעזר ריישער זי"ע האט אים שיין אנגעוואונטשן, און אזוי איז ער ווייטער געפארן קיין בעלזא אויף שבועות,

נאך שבועות ווען ער איז אהיים געקומען, האט ער זיך נאכגעפרעגט ביי די משפחה וואס עס טוט זיך מיט דעם בחור, האט מען אים דערציילט, אז לפלא איין טאג וועקט זיך אויף דעם בחור, און ער בעט מען זאל אים געבן א ציצות און א קאפל, און ער זאגט אז ער וויל בשום אופן נישט ח"ו חתונה האבן מיט די נישט אידישע פרוי,

און דער בחור דערציילט פאר ר' אליעזר בריזל, אז עס איז געקומען צו אים אין חלום א ערליכע איד, און דער בחור האט נישט געוואלט זאגן וואס דער איד האט אים געזאגט, אבער נאכן אויסמאלן דעם צורה פון דעם איד, האט ר' אליעזר גלייך געכאפט, אז דער איד איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דער צדיק וקדוש רבי אלעזר ריישער זי"ע, און דער צדיק האט פון ריישא ביז ענגלאנד מסדר געווען די גאנצע זאך, און צוריק געברענגט דעם בחור צו זיינע עלטערן,

**יארצייט**

**שבת קודש ט״ז תמוז**

**הרה״ק רבי מנשה ב״ר ישכר בעריש זי״ע,**
**(אייכנשטיין), בעל אלפי מנשה, מזידיטשוב, ווערעצקי,**

ער איז געבוירן אין שטאט זידיטשוב, בשנת תרכ״ה,
צו זיין טאטע הרה״ק רבי ישכר בעריש בעל מלבוש שבת ויום טוב אב״ד ווערעצקי זי״ע,
בן הרה״ק רבי אלכסנדר יום טוב סענדר ליפא זי״ע,
בן הרה״ק רבי יצחק אייזיק בעל פירוש מהרי״א מזידיטשוב זי״ע,
בן הרה״ק רבי ישכר בעריש זי״ע,
בן הרה״ק רבי יצחק אייזיק סאפרין מזידיטשוב/קאמארנא זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת שיינדל ע״ה,
בת הרה״ק רבי מנשה רובין מראפשיץ זי״ע,
בן הרה״ק רבי אשר ישעי׳ בעל אור ישע מראפשיץ זי״ע,
חתן הרה״ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ זי״ע,

ער איז געווען א גאון עולם בתורה ובחסידות און א למדן נפלא, צדיקים און חסידי זידיטשוב האבן גאר שטארק מפליא געווען זיין געוואלדיגע התמדת התורה, דער צדיק איז געווען שקוע יומם ולילה ממש נאר אין תורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע ברען, ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א צדיק יסוד עולם, ער האט זיך געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה, נאך ווען ער איז געווען גאר יונג איז ער שוין געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע התמדת התורה, און געווען א חכם בעמקי הלכה, און געווען אויסגעטון פון עניני עולם הזה,

עס ווערט דערציילט, אז ווען ער איז נאך געווען א קינד פון 5 יאר אלט, איז די מאמע הצדקת מרת שיינדל ע״ה זייער קראנק געווארן מיט די מחלה פון טיפוס ר״ל, און עס איז אנגעקומען צו א גאר שווערע מצב, און עס איז געווען בעפאר שחרית ביים זיידן הרה״ק מהרי״א מזידיטשוב זי״ע, און מען האט געוואלט גיין מזכיר זיין די מאמע ביים זיידן, אבער די מנהג איז געווען, אז מען האט דעם זיידן נישט געקענט שטערן ווען ער האט זיך געגרייט צו זיין עבודת הקודש פון דאווענען,

די טאטע רבי ישכר בעריש האט געוויסט דאס חביבות וואס די זיידע האט צום אייניקל מנשה, האט מען געזאגט צום קינד, גיי אריין צום זיידן און זיי מזכיר דיין מאמע פאר א רפואה שלימה, איז דער אייניקל מנשה אריין צום זיידן און געטראפן דעם זיידן עוסק זיין אין די הכנות צום דאווענען, ווי ער פארייבערט זיין לולקע וואס איז געווען ביים הייליגען זידיטשובער א גרויסע עבודה, און ווען דער קינד האט געזען די צורת קדשו פונעם זיידן איז אויף אים געפאלן א גרויסע פחד און ער האט אנגעהויבן זייער צו וויינען,

ווען דער זיידע האט געזען אז דאס קינד וויינט, האט ער געפרעגט וואס איז געשען, האט דאס קינד געזאגט, די מאמע איז זייער קראנק און איך בעט זייער די זיידע זאל אויספועלן א רפואה,

די זיידע האט געהאט א מנהג אריינצוגיין דאווענען יעדן טאג פונקטליך 8:30, אבער יענעם טאג האט ער געלאזט וויסן אז ער וועט אריינקומען דאווענען שפעט, און די זיידע איז אריבער צוזאמען מיטן קינד צו די מאמע און געוואוינטשן א רפואה, און דאן האט די זיידע געזאגט, אז ער איז ארויף בעולמות עליונים און געטראפן דעם מחותן הרה״ק מראפשיץ זי״ע און אים געזאגט, אז דאס אייניקל ברויך א רפואה, און כך הוה די מאמע איז גאר איינגיכען געזונט געווארן,

גאונים בדורו האבן מוראדיג מחבב און מקרב געווען דעם גאון, מען דערציילט, אז ווען דער גאון האט באזיכט אין שטאט אונגוואר, איז ער געגאנגען באזיכן דעם גאון וגדול הגה״ק רבי יוסף אלימלך כהנא אב״ד אונגוואר זי״ע, און דער גאון האט זיך אויפגעשטעלט פארן גאון רבי מנשה מלא קומתו און אים מכבד געווען מיט א בכבודיגע פלאץ,

אויך דערציילט מען, אז ווען דער טאטע הרה״ק רבי ישכר בעריש איז געזעצן ביים טיש מיט זיינע צוויי קינדער הרה״ק רבי משה זי״ע, און רבינו רבי מנשה זי״ע, האט דער טאטע געזאגט מיט גרויס ענווה, ״איך זיץ צווישן צוויי גרויסע מענטשן״.

ביי די 13 יאר בשנת תרל״ח האט דער זיידע הרה״ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי״ע אים א חתן געמאכט מיט הרבנית הצדקת מרת שרה רעביל ע״ה,
בת הרה״ק רבי יהושע בעל עטרת ישועה מדז׳יקוב זי״ע,
בן הרה״ק רבי אליעזר מדזיקוב זי״ע,
בן הרה״ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ זי״ע,
און די חתונה איז פאר געקומען אין שטאט דז׳יקוב בשנת תרל״ח,

נאך די חתונה האט מען דעם גאון אויף גענומען אלס מו״ץ אין שטאט דזיקוב, זייענדיג סמוך על שולחן פון זיין שווער, האט דער גאון ארויסגעגעבן זיין ערשטן ספר

"אלפי מנשה" אויף שולחן ערוך חושן משפט, עס דערציילט זיין תלמיד הרה"ח רבי אלעזר אפפלדארפער ז"ל, אז לערנענדיג שפעטערע יארן אין ישיבה ביי הגה"ק רבי יוסף צבי דושינסקי זי"ע, האט רבי יוסף צבי גאר שטארק מפליא געווען דעם חיבור,

אויך קען מען זעהן אונעם הסכמה פון זיין שווער הרה"ק רבי יהושע מדזיקוב זי"ע אויפן ספר אלפי מנשה, ווי ער שרייבט בזה"ל, "כי עיינתי בחיבורך ומצאתי דברים בנויים על יסוד אמת וקו היושר, מלא הוא בחריפות ובקיאות",

בשנת תרנ"ז האט אים די טאטע אויף גענומען אלס ממלא מקום אין שטאט ווערעצקי, און נאך אפאר יאר האט מען דעם גאון אויף גענומען אלס ראב"ד אין שטאט רישא, און דאן האט דער גאון צעטיילט, ווינטער איז ער געווען אין שטאט ריישא און זומער איז ער געווען אין שטאט ווערעצקי,

בשנת תרס"ה האט דער גאון זייענדיג אין שטאט ריישא ארויסגעגעבן זיין ספר תורת האשם, אויך דעם חיבור האבן די גדולים בדורו גאר שטארק מפליא געווען און באוואונדערט דאס חריפות פון דעם ספר,

דערציילט הרה"ח רבי אברהם פרענקל ז"ל אז זיין טאטע הרה"ג רבי יוסף חיים ראב"ד שענדישוב זי"ע, וואס האט געוואוינט נישט ווייט פון ריישא, פלעגט שיקן צום רבין גאר שווערע שאלות,

איינמאל האט די טאטע אים געשיקט מיט א גאר שווערע שאלה צום רבין, און ווען ער איז אנגעקומען איז געווען שוין נאך חצות היום, איז דער צדיק געזעצן אנגעטון מיט טלית ותפילין, און עוסק געווען אין זיין עבודת הקודש, ווען ער האט אים איבער געגעבן דעם שאלה פונעם טאטן, האט דער גאון רבי מנשה מעיין געווען אין די שאלה און תוך כדי דיבור געשריבן א תשובה אויף די שאלה, דאס איז געווען די גדלות בתורה פון דעם גרויסן גאון,

ווען עס האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט מלחמה איז דער גאון אנטלאפן קיין וויאנה אוסטריה, און פון דארט איז ער אריבער קיין גרויסווארדיין ווי זיין טאטע איז אויך דאן געווען בשעת די מלחמה, און נאך די מלחמה איז ער צוריק קיין ריישא,

נאך די מלחמה איז ליידער געווען אסאך עגונות וואס די מענער זענען געגאנגען אין מלחמה, און די פרויען זענען נעבעך געבליבן לעבעדיגע אלמנות, דאן האט דער גאון עוסק געווען יומם ולילה אין היתר עגינות, צוזאמען מיט נאך רבנים און גאונים בדורו,

און ווי מען זעהט אז ער האט געשריבן א היתר עגונה אויף א שאלה וואס איז געקומען צום הייליגען גאון הגה"ק רבי שלום מרדכי שוואדראן בעל מהרש"ם זי"ע, און ער האט דורך געארבעט דאס גאנצע ענין און געגעבן א היתר עגונה פאר די פרוי, און אלע גדולים האבן דאן אנגענומען זיין פסק.

כ"א ניסן בשנת תרפ"ד איז זיין טאטע נסתלק געווארן זייענדיג זידיטשובער רב אין מונקאטש, איז ער צוזאמען מיטן ברידער הרה"ק רבי משה מסטרי זי"ע אריבער ממלא מקום זיין אויפן טאטן'ס פלאץ אין מונקאטש, אבער ער איז דאן נאך געבליבן רב אויך אין שטאט ווערעצקי,

דער גאון איז געווען א בקי בתורת הנסתר, און געווען א גאון בכל מקצועות התורה, אבער אזוי ווי ער האט מקבל געווען פון זיינע עלטערן האט ער דאס באהאלטן, אבער ער איז דאן שוין געווען מפורסם אלס א גאון בתורה און א געוואלדיגע קדוש וטהור,

דארט אין מונקאטש האט דער גאון ארויסגעגעבן זיין ספר מטה מנשה על המועדים,

די לעצטע 10 יאר פון זיין לעבן האט דער גאון געליטען פון א מחלה וואס דאס האט אים זייער אפ געשוואכט, אבער מיט דעם אלעם האט דער גאון ווייטער ממשיך געווען צו לערנען מיט א געוואלדיגע התמדה, און כמעט יעדן אינדערפרי האט ער מחדש געווען חידושים מיט א געוואלדיגע מסירת נפש,

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,

הרה"ק רבי חיים יוסף מהוקליוואו זי"ע, הי"ד, חתן הרה"ק רבי אלתר זאב הורוויץ מסטריזוב זי"ע,
הרה"ק רבי מתתיהו מדזיקוב הולושיץ זי"ע, חתן הרה"ק רבי אברהם יעקב מהולושיץ זי"ע,
הרה"ק רבי דוד אייכנשטיין זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת חיה דבורה ע"ה, אשת הרה"ק רבי חנוך דוב רובין מסאסוב זי"ע,

ט"ו תמוז בשנת תרצ"ה איז דער רבי צוריק געקומען פון ווילען אין שטאט ווערעצקי פאר אפאר וואכן פאר זיין געזונט, און א טאג נאכדעם איז דער צדיק נסתלק געווארן,

נסתלק לגנזי מרומים ט״ז תמוז בשנת תרצ״ה, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט מונקאטש,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

עס דערציילט הרה״ח רבי אלי׳ מערמעלשטיין ז״ל, אז איינמאל איז די שוועסטער זיינער זייער קראנק געווארן און די אטעם איז איר זייער שווער געווארן, איז מען געלאפן צום רבין און מזכיר געווען די שוועסטער, אז זי זאל האבן א רפואה, האט דער צדיק געגעבן א שטיקל חלה און געהייסן מען זאל דעם מיידל געבן דערפון צו עסן און זי וועט האבן א רפואה שלימה, כך הוה אזוי ווי זי האט געגעסן פון די חלה איז איר בעסער געווארן און זי איז אינגאנצן געזונט געווארן,

הרה״ח רבי בן ציון ב״ר אלעזר ווייזער ז״ל האט דערציילט, אז זיין זיידע הרה״ח רבי נטע ווייזער ז״ל וואס איז געווען פון די גרויסע חסידים פונעם רבין, איז איינמאל אויף די עלטערע יארן זייער קראנק געווארן, אין די דאקטוירים האבן שוין געהאט אויף געגעבן אויף אים, ער איז דאן געלעגן אונעם שטוב פון זיין זוהן הרה״ח רבי אלעזר ז״ל,

איז די רבי אים געקומען מבקר חולה זיין, ווען די רבי איז אריינגעקומען אין געזען דעם חסיד ליגען אין בעט, האט דער צדיק אויס געשריגען די ווערטער ״וחיי עולם נטע בתוכנו״ אויפן פלאץ איז פאר רבי נטע בעסער געווארן, און ער האט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און געגעסן עפעס, און ער האט נאך מאריך ימים געווען נאך די מעשה.

עס איז געווען א איד וואס האט געוואוינט אין לאנדאן הרה״ח רבי שלום יוסף טעסלער ז״ל וואס איז געווען א בעל זכרון נפלא בדברי תורה, און ער פלעגט כסדר זאגן אז די גוטע זכרון וואס ער האט, איז בכלל נישט קיין ירושה וואס לויפט אין די משפחה, נאר עס איז א ברכה פונעם צדיק הרה״ק רבי מנשה מזידיטשוב זי״ע,

ווען ער איז געווען א קינד אין מונקאטש איז ער איינמאל זייער נישט געזונט געווארן מיט א מחלה אויפן מוח ר״ל, און ער איז געווען אין א גרויסע סכנה, איז זיין טאטע אריבער צום רבין און מזכיר געווען דעם קינד, האט די רבי געגעבן פאר מיין טאטן זיין קאפל (יארמולקע) און געהייסן מען זאל דאס אנטוהן פארן קינד, און זיך אויסגעדריקט בזה״ל, ״ער וועט האבן א געזונט קעפיל״, זייט דעם ברכה האט ער באקומען דעם גוטן זכרון,

הרה״ח רבי חיים סטרולוביץ ז״ל האט דערציילט, אז ער האט געארבעט אין די פאבריק אין אונגווואר, פון א איד וואס האט געהייסן ווייזער וואס האט זיך באשעפטיגט און מאלן ווייץ, דער איד האט איינגעקויפט נייע מאשינען צו קענען ארבעטן שנעלער, און ער האט אריין געלייגט גאר אסאך געלט דעראון,

אבער ווען מען האט געוואלט אנהייבן ניצן די מאשינען האט דאס נישט געוואלט ארבעטן, וואס מען האט פראבירט האט נישט געהאלפן, דער בעל הבית איז געווען שטארק צעטראגן, ווייל ער איז געווען דא אויס געשטעלט צו פארלירען אסאך געלט פון דעם,

זייענדיג א חסיד פון הרה״ק רבי מנשה מזידיטשוב זי״ע, איז ער אריבער זיך אויס רעדן צום צדיק און מזכיר זיין פאר א ישועה, האט אים דער צדיק געזאגט, גיי קיין מונקאטש און דארט וועסטו טרעפן איינער וואס קען דיר העלפן מיט דעם פראבלעם,

דער חסיד האט נישט געטראכט קיין צוויי אז די רבי הייסט גיין איז ער געגאנגען, און אזוי ווי ער קומט אן קיין מונקאטש האט ער דארט געטראפן א ארחי פרחי, און ער פרעגט דעם ארחי פרחי אויב ער קען זיך אויס מיט מאשינען, האט דער ארחי פרחי געזאגט אז ער איז מסכים צו קומען נאר אויב ער וועט אים געבן א שיינעם גרויסע סעודה,

דער איד האט אים געגעבן גוט צו עסן, און דערנאך זענען זיי געגאנגען צום פאבריק, אזוי ווי דער ארחי פרחי האט ארויפגעלייגט זיינע הענט אויף די מאשינען, האט דאס אנגעהויבן ארבעטן כאילו לא היה, גלייך נאכדעם איז דער ארחי פרחי פארשוואונדן געווארן, ויהי לפלא,